STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01379

ALIYAT HA-NOAR

Jewish Agency for Israel

Permanent preservation of this book was made possible
in memory of
Saul Bolton

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עלית הנוער פראבלעמען און דערגרייכונגען

עלית הנוער

פראבלעמען און דערגרייכונגען

ירושלים תשט"ז 1956

ישראל

הסוכנות היהודית
המחלקה לעלית ילדים ונוער, מדור ההסברה
ת. ד. 92, ירושלים, ישראל

The Jewish Agency
Youth Aliyah Department, Public Relations Section
P.O.B. 92, Jerusalem, Israel

Printed in Israel

נדפס בהשגחת הוצאת הספרים של הסוכנות היהודית
בדפוס ג׳רוסלם פוסט, ירושלים

אינהאלט

חלוצישער אידעאל און סאציאלע אספעקטן אין עלית הנוער, פון משה קול 7

היסטאריע פון עלית הנוער 11

די חברה פון עולים־יוגנט אין א קאלעקטיוון ישוב, פון אריה אפלל 14

א קינדער־דארף, פון ג. בערגסאן 24

די קינדער־היים אין קאמבוס, פראנקרייך 28

רמת־הדסה, פון אלי תורן 30

די ווערק פון עלית הנוער־הדסה אין ירושלימער קארידאר, פון ש. די־נור 35

יוגנט־צענטערן אין באצירק לכיש, פון אפרים גפני 39

יוגנט־צענטערן אין די עולים־ישובים, פון ראובן גולן 42

דער הכשרה־אנשטאלט אין באר־שבע, פון צבי מיכאלי 51

דער צענטער פאר דערציונג און פראפעסיאנעלער צוגרייטונג

אין שבות־עם (פרדסיה), פון יוסף לביא 60

נעורים — צענטער פאר דארפישער טרענירונג 63

רעליגיעזע דערציונג אין עלית הנוער, פון אריה כהן 68

אבסאלווענטן פון עלית הנוער וועגן זיך און זייערע דערפארונגען אין דער הכשרה . 71

דרייַ בריוו 76

הענריעטא סאלד 80

האנס בייט 83

איינשטיינס ווארט וועגן עלית הנוער 85

דאטעס און וועגווייזער 86

משה קול

חלוצישער אידעאל און סאציאלע אספעקטן אין עלית הנוער

זינט די באראטונג־טעג וואס זענען פארגעקומען אין קרית־יערים, זענען דער־גרייכט געווארן פאזיטיווע רעזולטאטן אין אפטייל פאר פעדאגאגישער היילונג. קודם־כל איז די צאל אנשטאלטן פארקלענערט געווארן, א זאך וואס איז סיי לטו־בת דעם קינד און סיי לטובת דעם בודזשעט. די איבערפירונג פון א געוויסער צאל קינדער פון געשלאסענע אנשטאלטן אין אינטערנאטן פאר לערניינגלעך איז א געלונגענע איניציאטיוו. פארשטייט זיך, אז די אינטערנאטן קאנען נישט לייזן דאס פראבלעם פון אלע קינדער און מיר דארפן נאך א סך לערנען פון דער דערפארונג. איך האב פעסטגעשטעלט, אז א געוויסער פראצענט קינדער וואס זענען אריבער אין אינטערנאטן פאר לערניינגלעך קאנען זיך נישט צופאסן צו דער ארבעטס־דיסציפלין און צו די נארמאלע לימודים און ס׳איז מעגלעך אז זיי וועלן נישט בלייבן דערביי. דאך איז די נייע ראם פיל פאסיקער פאר דערוואקסענער יוגנט ווי אן אנשטאלט.

די צוזאמענשמעלצונג פון דעם אפטייל פאר איינצלנע קינדער מיט דעם אפטייל פאר פעדאגאגישער היילונג איז גוט געלונגען, טראץ די גרויסע אנ־שטרענגונגען וואס זענען געמאכט געווארן כדי צו דערגיין צו אייניקייט אין דער ארבעט, אין דער פלעגע און איינגלידערונג פון אט די קינדער ביי משפחות. עלית הנוער באמיט זיך איינארדנען א געוויסע צאל קינדער ביי פריוואטע משפחות. דאס איז באזונדערס געלונגען אין די דערפער, אבער ס׳דוכט זיך מיר, אז די אפטיילונג דארף נאך ארגאניזירן די אויפזיכט איבער די קינדער וואס געפינען זיך ביי משפחות און אפילו איבער די וואס זענען איינגעארדנט אין דערפער. מיר האבן אפט דעם איינדרוק אז מען שענקט נישט גענוג אויפ־מערקזאמקייט די קינדער וואס זענען איינגעארדנט ביי פריוואטע פאמיליעס, דערפאר ווייל דער אויפזיכט־אפאראט איז נאך ניט קיין פולשטענדיקער. פון דער אנדערער זייט, ווייסן מיר, אז דא אין לאנד זענען נישטא קיין גרויסע מעג־לעכקייטן איינצוארדנען די קינדער אין שטאט, כדי זיי זאלן קאנען אריינטראטן אלס לערניינגלעך אין די ווארשטאטן. עס פרעגט זיך ווי ווייט ס׳איז מעגלעך צו שאפן א געמיינזאמע שפראך צווישן די יוגנטלעכע און די פאמיליעס וואס נעמען זיי אויף.

פראפעסאר היימאן גראסבארד, וועלכער האט מיט אונז געארבעט העכער א יאר, האט א סך בייגעטראגן צו דער ארבעט וואס ווערט געמאכט אין אונזער

אפטיילונג; ער האט זיך ספּעציעל פאראינטערעסירט מיטן אפטייל פאר פּעדאַגאגישער היילונג. עס זענען אנטשטאנען באציונגען פון קעגנזייטיקן צוטרוי צווישן אים און די ארבעטער פון דעפּאַרטאַמענט.

אבער נישט נאר אין דעם אפטייל זענען פארגעקומען ענדערונגען. מען האט געגרינדערט צענטערן פאר פּאַכלעכער צוגרייטונג אין די מעברות און אין די ישובים פון נייע עולים. בשותפות מיטן ארבעטס־מיניסטעריום, לאנדווירטשאפטס־מיניסטעריום און דער אויפנעם־אפטיילונג פון דער יידישער אגענץ, האבן מיר געמאכט שריט כדי איינצואָרדנען די יוגנט פון די דורכגאנג־לאגערן. מיר האבן איצט נישט ווייניק דערפארונג אויף דעם געביט. בשעת די ערשטע אבסאלווענטן זענען ארויס פון פּרדסיה, האב איך מיט צופרידנקייט באטראכט די יוגנטלעכע נאך זייער לימוד־יאר. קרוב צוואנציק יוגנטלעכע האבן אויסגעדריקט זייער ווונטש אריבערצוגיין אין קיבוצים. דאס באווייזט אז ביידע צילן פון עלית הנוער קאנען צוזאמען פארווירקלעכט ווערן: אומקער צום באדן און פּראַפּעסיאנעלע און אינדיווידועלע טרענירונג. אויב עס וואלטן טעטיק געווען אין די צענטערן דערפארענע קאלאניזאטארן, וואלט דער פּראָצענט פון די וואס גייען ארויס אין די קיבוצים, געווען גרעסער. נאכן ערשטן געלונגענעם פּרווו האבן מיר באשלאסן צו גרינדן נאך ווערק פון דעם סארט. פארן קומענדיקן יאר פּלאנירן מיר צען נייע ווערק. דער ארבעטס־מיניסטעריום באטייליקט זיך אין די באשעפטיקונג־הוצאות, וואס באטרעפן דעם גרעסטן טייל פון בודזשעט.

אויסער די צענטערן אין מעברות, איז אויך פארגעקומען אן ענדערונג אויפן געביט פון דער נייער קאלאניזאציע. אט איז דאס ערשטע באצירקס־ווערק אין שפיר, וואס נעמט ארום 13 עולים־ישובים.

בייטאג קומען די קינדער פון פארשידענע דערפער אהין און אין אוונט קערן זיי זיך אום אהיים און העלפן זייערע עלטערן ביי דער ארבעט. לויטן מוסטער פון שפיר איז אויך געגרינדעט געווארן א צענטער אין באצירק לכיש. בקרוב וועלן געגרינדעט ווערן דריי דערציערישע ווערק אין קאלאניזאציע־געביט פון צפון־אפריקאנער יידן.

אומעטום באמיען מיר זיך ארויסצוגעפינען די עולים־יוגנט. אויב זי קומט נישט צו אונדז, גייען מיר צו איר. אויך דער אפטייל פאר פּעדאַגאגישער היילונג האט געמאכט א פארשריט אין חלוצישן זין: ער האט איבערגעגעבן א זייער דערמוטיקנדיקן באריכט. מען האט שוין געפונען א לאנדווירטשאפטלעכן קיבוץ וואס איז גרייט צו געבן די יוגנטלעכע א חלוצישע הכשרה.

די טעטיקייט־ליניע פון עלית הנוער איז קאנסערוואטיוו און גלייכצייטיק אויך פּראָגרעסיוו. מיר היטן אפּ די דערציערישע גרונט־פּרינציפּן פון עלית הנוער אדאנק דער אינטעגרירונג פון יוגנט אין דער קאלעקטיווער קאלאניזאציע; דער פּראָצענט פון אונזערע קינדער אין די קיבוצים איז נישט קלענער געווארן. מיר האלטן אז דער דאזיקער וועג איז א ריכטיקער; ער פאדערט נישט קיין גרויסע אויסהאלטונג־הוצאות און גיט גוטע רעזולטאטן. מיר נעמען ווייטער אן יוגנט

די ערשטע גרופע פון עלית הנוער, וואס איז אנגעקומען אין 1934 קיין עין־חרוד



א יוגנט־גרופע אין לאגער פון עלית הנוער אין קאמבוס, פראנקרייך,
פאר זייער עליה קיין ישראל

א פארטראג אין עס־צימער פון קינדער־דארף אלוני־יצחק



קינדער פון אלוני־יצחק פארברענגען זייער פרייע צייט.



דער דורכגאנג־לאגער אין רמת־הדסה־סאלד

א לעקציע אין רמת־הדסה־סאלד



יוגנט־צענטער אין לכיש : צוויי דורות בויען דאס לאנד

אין די לאנדווירטשאפטלעכע יוגנט־דערפער. גלייכצייטיק באנייען מיר אויך די דערציערישע און סאציאלע פרינציפן פאר די יוגנטלעכע וואס האבן נישט געפונען דעם וועג צו אונז. אויף דער זיצונג ווו מיר האבן באשלאסן וועגן די נייע ווערק אין די מעברות, האט די ארבעטס־מיניסטאריען דערקלערט אז דער ארבעטס־מיניסטעריום וועט נישט שפארן קיין מיטלען צו אינוועסטירן אין די טרעניררונג־ווערק פאר דער יוגנט. מען באמיט זיך צוצוציען די פארנאכלעסיקטע יוגנט, וואס איז געקומען אין לאנד אין משך פון די לעצטע 10 יאר. דא וועל איך דערמאנען די ענדערונג וואס איז פארגעקומען אין עלית הנוער צוליב דער נידערונג פונעם אויפנעם־עלטער. היינצוטאג נעמען מיר אויף בעיקר פיר־יאריקע און דריי־יאריקע חברות; די באטאנונג ווערט אבער געלייגט אויף די פיר־יאריקע חברות. און דאס איז נישט זייער דערמוטיקנדיק, טראצדעם וואס די קינדער האבן אזויארום מער געלעגנהייט צו לערנען. אדאנק די ספעציעלע ווערק אין די מעברות און אין די קאלאניזאציע־געביטן ווילן מיר צוציען מער יוגנט.

ביז איצט האב איך גערעדט וועגן יינגערע קינדער, וואס נויטיקן זיך אין א באזונדערער אויפמערקזאמקייט פון אונזער זייט. אבער דא־נישט־לאנג האבן מיר אויך באנייט דעם צוגאנג צו דער עלטערער יוגנט. מיר האבן באשלאסן צו פארלענגערן די למוד־תקופה ביז 18 יאר, ביזן מיליטער־עלטער. מיר האבן תמיד געהאט דעם איינדרוק אז זינט דער אנטשטייונג פון דער מדינה באשטייט א גרויסער אונטערשיד צווישן עלטער ווען די קינדער אבסאלווירן זייערע לימודים אין עלית הנוער און צווישן מיליטער־עלטער, און דעריבער דערווייטערן זיי זיך פון דער קאלאניזאציע. חוצדעם באשטייט דאס פראבלעם פון די וואס פארבלייבן נישט אין דער לאנדווירטשאפטלעכער קאלאניזאציע. מיר זענען גרייט צו פארלענגערן זייער צוגרייטונג־תקופה אין דער לאנדווירטשאפט אין דער ראם פון עלית הנוער (אדער "יונגע עולים") ביז 18 יאר. אבער היות א גרויסער פראצענט פון אונזערע קינדער געפינען זיך אין אנשטאלטן, וועט דער דאזיקער באשלוס גילטיק זיין אויך לגבי זיי נאר אין דער מאס, וואס זיי וועלן אלס דערוואקסענע אריבערגיין פון די אנשטאלטן אין די קיבוצים. איך האלט, אז ס'איז וויכטיק די קינדער זאלן פארלאזן די שולע און זיין א יארלאנג אין א קיבוץ. אויב זיי וועלן נישט מסכים זיין אריבערצוגיין אין א קיבוץ, וועט עלית הנוער נישט קאנען דעקן די הוצאות פאר זייער אויסהאלטונג. נאר אין אויסנאמפאלן, וועט דער סאציאלער דינסט, וואס וועט געשאפן ווערן אין עלית הנוער, זיך אויך פארנעמען מיט די 17־יאריקע יוגנטלעכע, פאר וועלכע מען האט נאך נישט געפונען קיין פאסיקע לייזונג. דעריבער דארפן מיר נישט נאר טראכטן וועגן די יינגערע, מיר מוזן זיך אויך זארגן פאר די עלטערע. מיר מוזן פארשטארקן דעם סאציאלן דינסט אין דער אפטיילונג, אבער נישט שעדיקן דאס דערציערישע וועזן פונעם ווערק. דער צוועק איז פונאנדערצושמעלצן די ביידע אספעקטן. נאך 21 יאר טעטיקייט קאן מען

איצט פעסטשטעלן, אז דאס דערציערישע, חלוצישע און לאנדווירטשאפטלעכע ווערק פון עלית הנוער פארנאכלעסיקט נישט די סאציאלע אספעקטן. מען האט געהאט דעם איינדרוק אז די פארשטייער פון אונזערע דערפער האבן געמיינט אז אונזערע סאציאלע אויפפאסונגען קאנען שעדיקן דעם חלוצישן אידעאל. ס'איז אבער נישט אזוי. עלית הנוער וועט אלץ מאכן כדי צו פארשטארקן דעם חלוצישן אידעאל אין דערזעלבער צייט ווען זי אנטוויקלט די טעטיקייט פון סאציאלן דינסט. איין צוועק וועט דערגאנצן דעם צווייטן: אזוי ווי די נייע ווערק אין די מעברות האבן נישט געשעדיקט די איינגלידערונג פון יוגנטלעכע אין די קיבוצים, נאר האבן דערגאנצט דאס עקזיסטירנדיקע. די אלע וואס באזוכן מעברות און באקענען זיך מיט זייער פּראבלעמאטיק, וואלטן אפשר נישט איבעראשט געווען פון די רעזולטאטן פון די לעצטע כנסת־וואלן. צענדליקער טויזנטער יידן שטעלן מיט זיך פאר א שוואכע סאציאלע שיכטע און מען קאן נישט לייזן די פראבלעמען פון אט דער שיכטע נאר אדאנק מאטעריעלע מיטלען. עס איז אומבאדינגט נויטיק צו טראגן די זארג פארן נייעם עולה און זיין משפחה, זיך צו באקענען מיט די באדינגונגען אין וועלכע די מעברה־איינוווינער לעבן. אויב מען וואלט געהאט אן ערנסטן צוגאנג צום מענטשלעכן און סאציאלן פראבלעם, וואלט זיך אפשר די פארביטערונג און פארצווייפלונג נישט פארשפרייט אין געוויסע קרייזן פון אט דער באפעלקערונג. עלית הנוער וועט נישט פארוואנדלט ווערן אין א ווערק פאר סאציאלער הילף, אבער עלית הנוער וויל באפעסטיקן דעם סאציאלן אספעקט, כדי זיך צו באקענען מיטן הינטערגרונט אין וועלכן די קינדער זענען אויפגעוואקסן. מיר מוזן זיך באקענען מיט די סיבות וואס האבן דערפירט צום קאמף וואס דער יוגנטלעכער פירט מיט זיך, מיט זיין טרייַשאפט צו זיך אליין, זיין צוקונפט אין דער לאנדווירטשאפטלעכער קאלאניזאציע און זיין שטרעבונג צו העלפן זיינע עלטערן, זיינע ברידער. די נשמה פונעם קינד ווערט אפטמאל צעריסען צווישן די ביידע מאגנעטן. די טעטיקייט פון אפטייל פאר פעדאגאגישער היילונג האט א שייכות מיט דעם אלעמען. אויך די קינדער וואס זענען פסיכיש געשטערט זענען א רעזולטאט פון דער סאציאלער ווירקלעכקייט. א געשטערט קינד איז נישט תמיד אזוי געבוירן. דער גרעסטער טייל געשטערטע קינדער זענען א רעזולטאט פון די לעבענס־באדינגונגען: צעשיידונג פון די עלטערן און אנדערע אויסערלעכע און אינערלעכע השפעות. דעריבער דארפן מיר באפעסטיקן די דאזיקע פונדאמענטן אין אונזער ארבעט, אבער נישט מותר זיין אויפן גייסט פונעם ווערק. דער אפטייל פאר פעדאגאגישער היילונג האט זיך אנטוויקלט אין דעם זין און האט געבראכט א נייע ביישטייערונג פאר דער לייזונג פון וויכטיקע פראבלעמען. מיר האבן פארבעסערט אונזערע אפאראטן און מיר האפן זיי אלץ מער צו פארבעסערן. זעלבסקריטיק און שטרעבונג צו פארבעסערונגען וועלן אונז דערפירן צום לימוד פון די נייע פראבלעמען אין אונזער געזעלשאפט און וועלן אונז העלפן געפינען לייזונגען פאר לאנדווירטשאפטלעכער טרענירונג און דערציונג פון דער עולים־יוגנט.

היסטאריע פון עלית הנוער

אין 1933, בעת היטלר איז געקומען צו דער מאכט, זענען צענדליקער טויזנטער יונגע יידן פלוצים געשטאנען פאר א תהום. פון די שולן אין וועלכע זיי האבן געלערנט האט מען זיי פארטריבן; זיי האבן ניט מער געקאנט פארזעצן זייער דערציונג, און נאכמער, אלע וועגן וועלכע האבן געפירט צו א וועלכער־ניט־איז קאריערע זענען פארשלאסן געווארן פאר זיי. די מאכט־ארגאנען האבן באשלאסן אז זיי געהערן צו א מינדערווערטיקער ראסע און אז די עלעמענ־טארסטע רעכט פון א מענטש זענען נישט מער באשטימט פאר זיי.

שטייענדיק פאר אזא קאטאסטראפע, האט מען געמוזט עפעס טאן. אויב פון מאטעריעלן שטאנדפונקט איז עס געווען אוממעגלעך צו געפינען א לייזונג פארן גאנצן דייטשן יידנטום, האט מען געדארפט, לכל הפחות, ראטעווען דעם יונגן דור. דאס איז דאס ציל וואס עלית הנוער האט פאר זיך געשטעלט ווען זי האט באשלאסן צו ארגאניזירן גרופעס יונגע מיידלעך און יינגלעך פון 15—17 יאר, מיטן צוועק זיי צו ברענגען קיין ארץ־ישראל.

דעם געדאנק פון א יוגנט־עליה האט ריחה פרייער פארגעבראכט, דעם גע־דאנק צו פארפלאנצן יידישע קינדער פון היטלערס דייטשלאנד קיין ארץ־ישראל, אין א יידישער וועלט. ריחה פרייער איז געווען ביז 1932 א מיטארבעטערין פון וויצ״א אין בערלין. זי האט געזען די יסורים פון יידישע קינדער און האט געקעמפט צו פארווירקלעכן איר ציל. זי איז ארומגעפארן אין האלאנד, פראנק־רייך, ענגלאנד און ארץ־ישראל און אין חודש אקטאבער 1932 איז די ערשטע קינדער־גרופע פון אייראפע אפגעפארן קיין ארץ־ישראל.

ריחה פרייער האט געהאט צוויי הויפט־שטרעבונגען: רעטן יידישע קינדער און זיי איינוואָרצלען אינעם באדן פון ארץ־ישראל׳דיקן היימלאנד. מען האט געפאדערט פון פרוי פרייער זי זאל אויף זיך נעמען די לייטונג פון דער יוגנט־עליה אין ארץ־ישראל, זי האט אבער געוואלט ווייטער ארבעטן אין דירעקטן קאנטאקט מיט איר רעטונג־ווערק און די לייטונג פון עלית הנוער איז איבער־געגעבן געווארן הענריעטא סאלד.

אין משך פון דער צייט האט זיך עלית הנוער אנטוויקלט צו אן איינציקאר־טיקער אינסטיטוציע. איר ציל איז צו העלפן די קינדער וועלכע זענען אוועק פון די גלות־לענדער, זיי זאלן זיך איינוואָרצלען אינעם באדן פון היימלאנד, זיי אויסלערנען העברעיש, זיי איבערגעבן די קולטור פון זייער פאלק און זיי צו־

גרייטן פאר א לעבן פון שאפונג און ארבעט. די דערציערישע מעטאדע פון עלית הנוער איז אריינצוברענגען די קינדער אין לאנדווירטשאפטלעכע מושבים, וווּ זיי ווידמען זיך, אונטער דער לייטונג פון קוואליפיצירטע אינסטרוקטארן, פאר לימודים און ארבעט אין דער ראם פון א באשטימטער גרופע; און בשעת זיי פארענדיקן זייערע לימודים, טרעטן זיי צו אויפבויען א נייע קאלאניע, אדער זיי שליסן זיך אן אין עקזיסטירנדיקן יונגן ישוב.

בשעת די נאצישע חיה האט אריבערגעטראטן די גרענעצן פון דייטשלאנד און איז אריין אין עסטרייך און טשעכאסלאוואקיע, האט די יוגנט־עליה פארגרעסערט איר טעטיקייט און האט זיך אויך פארנומען מיט דער יידישער יוגנט פון די דאזיקע לענדער. אין משך פון די ערשטע פיר יאר פון איר טעטיקייט, אין דער תקופה פון 1934 ביז 1939, זענען בערך 5,000 יוגנטלעכע געבראכט געווארן קיין ארץ־ישראל און אזוי ארום האָט מען זיי געראטעוועט פון אונטערגאנג.

נאכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האט זיך דער מצב געענדערט און אין רעזולטאט האבן זיך אויך געענדערט די ארבעט־מעטאדעס פון עלית־הנוער. זינט מלחמה־אנהויב איז אראפגעפאלן אן אייזערנער פארהאנג איבער אלע לענדער וואס די נאציס האבן באזעצט און עלית הנוער האט געמוזט אויפהערן איר טעטיקייט דארט. זי האט אלע אירע באמיונגען קאנצענטרירט אויף די לענדער, אין וועלכע ס׳האט געדראט די געפאר פון היטלערס אריינדרינגונג און וווּ די לאגע פון די יידן איז געווען אן אומקלארע. אין דער תקופה פון 1939 ביז 1944 איז עלית הנוער געווען טעטיק בעיקר אין אונגארן, טערקיי, גריכלאנד. אין 1942 זענען די ערשטע קינדער־טראנספארטן פון מלחמה־פליטים אנגעקומען קיין ארץ־ישראל. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געווען יתומים, וועלכע האבן געפונען זייער רעטונג־ארט, נאך א סך וואגלענישן און יסורים.

סוף צווייטע וועלט־מלחמה האט עלית־הנוער אויף זיך גענומען די וויכטיקע אויפגאבע געזונטצומאכן די קינדער וואס זענען געבליבן ביים לעבן. צו דעם צוועק איז געגרינדעט געווארן א ספעציעלע ארגאניזאציע, וועמענס צווייגן האבן זיך פארשפרייט אין כמעט אלע אייראפעישע לענדער. די שליחים פון דער יוגנט־עליה האבן צונויפגעקליבן די קינדער וועלכע האבן יארנלאנג געלעבט אין לאגערן און האבן מיטגעמאכט אלע שוידערלעכקייטן פון דער מלחמה. עס איז נויטיק געווען וואס גיכער צו ברענגען אט די קינדער קיין ארץ־ישראל און זיי צופירן צו א נארמאלן לעבן, אבער אויך דא זענען געשטאנען גרויסע מכשולים אין וועג. די ענגלישע מאכט־ארגאנען האבן פארשלאסן די טויערן פונעם לאנד, און אין געוויסע צייטן האט מען די יעניקע קינדער וועלכע האבן מצליח געווען ארויפצוטרעטן אויפן באדן פון היימלאנד — פארטריבן און אינטערנירט. דעריבער האט עלית־הנוער געמוזט גרינדן א קינדער־דארף אין ציפערן, וווּ טויזנטער קינדער זענען אינטערנירט געווארן דורך די ענגלענדער אין א לאגער. אין משך פון דער תקופה צווישן סוף פון דער צווייטער וועלט־

מלחמה און דער אנטשטייונג פון מדינת ישראל, האט עלית־הנוער, טראָץ אַלע שוועריקייטן, מצליח געווען צו ברענגען קיין ארץ־ישראל מער ווי 15,000 יוגנט־לעכע, וועלכע זענען אויפגענומען געוואָרן אין די אַנשטאַלטן פון דער יוגנט־עליה.

מיט דער אנטשטייונג פון דער מדינה האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון מאסן־איינוואַנדערונג און עולים פון אַלע עקן וועלט האָבן געשטראָמט אין לאַנד. היינטצוטאָג דערגרייכט די צאָל קינדער וועלכע ווערן דערצויגן אין דער יוגנט־עליה,— מיטרעכענענדיק די קינדער וואָס געפינען זיך איצט אין די אַנש־טאַלטן — צו מער ווי איין־און־זיבעציק טויזנט.

אין דער צייט פון דער באַפרייונגס־מלחמה, האָבן אַבסאָלווענטן פון עלית־הנוער, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פונעם לאַנד. אין די שורות פון דער הגנה צוערשט, און שפּעטער אַלס זעלנער פון צבא הגנה לישראל, האָבן גאַנצע גרו־פּעס עלית־הנוער־אַבסאָלווענטן זיך אויסגעצייכנט מיט גבורה־מעשים, וואָס האָבן געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין קאַמף קעגן די אַריינדרינגלער.

די אויפנעם און דערציונג־טעטיקייט ווערט פאַרווירקלעכט אַדאַנק דער הילף און מיטאַרבעט פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס פון אַלע ריכטונגען. דער קיבוץ איז אַ ווערטפולע אומגעבונג פון דערציערישן שטאַנדפּונקט און די אַר־בעט־אַטמאָספער וועלכע הערשט דאָרט, באַאיינפלוסט די קינדער אין אַ גרוי־סער מאָס. דער בייטראַג פון דער יוגנט־עליה פאַרן אויפבוי פון לאַנד און פאַר פאַרשידענע חלוצישע אונטערנעמונגען איז זייער וויכטיק. אירע אַבסאָל־ווענטן האָבן געגרינדעט דערפער אין די איזאָלירטע גרענעץ־געביטן פון לאַנד.

אין די 21 יאָר פון איר קיום האָט עלית הנוער דורכגעפירט אַ גרויסאַרטיקע אַרבעט. אָבער זי האָט ניט בדעה זיך שוין אָפּצורוען. עס וואַרטן נייע אויפגאַבן, וואָס האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער צוקונפט פון דער מדינה. עלית הנוער איז געבליבן טריי אירע אידעאַלן און ביי יעדער נייער עליה שטייט זי גרייט און פאַסט צו איר אָרגאַניזאַציע צו די באַדערפעענישן פון דער שעה.

אין דער תקופה פון קיבוץ גלויות, וואָס איז כאַראַקטעריזירט דורך איינוואַנ־דערונג פון אָפּגעשטאַנענע לענדער, מוז מען אומבאַדינגט דערהאַלטן דעם קול־טורעלן ניוואָ פון ישוב. דאָס קען דערגרייכט ווערן דורך געבן אַ פּאַסיקע דער־ציונג דער אויסגעוואַרצלטער און אַנאַלפאַבעטישער יוגנט. אויב די יונגע מדינה וויל דערהאַלטן איר קולטורעלן ניוואָ, מוז זי פעיק זיין צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע יוגנט אין קולטורעלע בירגער, מיט אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט כלפּי דעם נאַציאָנאַלן היימלאַנד. עלית הנוער האָט אויף זיך גענומען צו רעאַ־ליזירן אַ גרויסן טייל פון דעם דערציערישן פּראָגראַם. כדי מצליח צו זיין, באַ־נוצט זיך עלית הנוער מיט דער דערפאַרונג וואָס זי האָט געזאַמלט אין משך פון 21 יאָר טעטיקייטן אין די שווערסטע באַדינגונגען.

אריה אפלל

די חברה פון עולים־יוגנט
אין א קאלעקטיוון ישוב

1־טער אפריל 1933 אין בערלין. דער נייער נאציאנאל־סאציאליסטישער רעזשים האט פראקלאמירט א טאג פון באָיקאָט אויפן יידישן האנדל. פיקעטן שטייען פאר יידישע קליטן. אויף די שויפענצטער זענען אויפגעקלעפט אויפשריפטן, וואס פאדערן פון עולם ניט ארייצוגיין. נעבן די אויפשריפטן זענען אויסגעמאלן פארקרומטע יידישע פנימער און אונטער זיי שימף־ווערטער.

צומארגנס, זונטיק, ווען קראמען זענען פארמאכט, גייט א יידישער סוחר מיט זיין זון אין זיין קלייט אריין. זיי בלייבן שטיין פארגליווערטע פאר די פארשמוצטע שוי־פענצטער, קוקן זיך איין אין די קאריקאטורן פון יידישע פנימער און אויף זיי פאלן בליקן פון די פארביגייער, בליקן פון חוצפה און איראניע. "גוטע צייטן געווען". די קראם איז ניט אויפגעבראכן געווארן, די סחורה איז ניט צעראבירט, בלויז קאריקאטורן מיט אן אנדייט וואס עס דערווארט די יידן אין דעם נייעם דייטשלאנד.

עס גייען אריבער עטלעכע מינוט, דער פאטער נעמט ארויס א מעסערל און קראצט אפ די שויב בעת דער 13־יאריקער זון העלפט אים אונטער. זיי דארפן ארבעטן שווער. דער פאטער איז פארשלאסן, רעדט ניט, שטייט איינגעבויגן, רייבט, רייבט. וואס טראכט ער און וואס פילט ער? האט ער זיך רעזיגנירט, האט ער משלים געווען מיטן גורל פון א דערנידעריקטן, באשפיגענעם מענטש? אפשר דערוועקט זיך אין אים יידישער שטאלץ און ער פאראַכט זיינע אונטערדריקער? אפשר מאכט ער דעם חשבון פון דער צוקונפט?

דאס יינגל ווייסט ניט פון דעם אלעמען. ביי אים איז קיין ספק ניטא. ער ווייסט אז דער כבוד פון זיין טאטן איז צעטראטן געווארן מיט די פיס. "זיי שפייען אונז אין פנים, און מיר גארניט! מיר קומען צומארגנס און קראצן אפ פון די שויבן אונזערע קאריקאטורן"...

— וואס איז דער אויסוועג?

— אוועקוואנדערן ווייט? צו א נייעם גלות?

די דאזיקע בויט דערוועקט דעם טיפן לעבנס־אינסטינקט פון פאלק. דער געניוס פון דער יידישער געשיכטע האט אין איינציקע תשובה — צוריק אהיים, צום אלטן היימלאנד וואס ווערט איצט געבויט פונסניי. ווייטער שפינען דעם איבערגעריסענעם פאדעם, שפינען און ווערן איינגעשפונען אין אים, בויען און ווערן איבערגעבויט. וויאזוי מאכט מען דאס?

דאס לאנד האט אויסגעזען אין יענע צייטן אזוי: אין דער טעריטאריע פון ענגלישן מאנדאט האבן געלעבט 600.000 יידן, די איבערוועגנדיקע מערהייט אין די שטעט. אנשטאלטן פאר לאנדווירטשאפטלעכער דערציונג זענען געווען זייער ווייניק; בערך 3־4, מיט א זייער באגרענעצטער אויפנעם־קאפאציטעט. מאקסימום האבן זיי געקענט אויפנעמען צענדליקער אדער אפשר ווייניקע הונדערטער פון יוגנט.

ווער וועט אונז אויפנעמען אין די טויזנטער?

און די דאזיקע יידישע יוגנט דארף מען ראטעווען. איר צוקונפט איז אויס־זיכטלאז. זי קען ווערן א רעוואלוציאנערער עלעמענט, שאפן א נייעם טיפ ייד. זי דארף זיין דער אוואנגארד פון דער נייער עליה.

יא, דער נייער יידישער מענטש, וואס קערט זיך אום צו זיין לאנד און וויל באארבעטן זיין ערד — ווו וועט ער זיך דערציען? עס איז ממש אקסיאמאטיש אז מען דארף אים געבן א לאנדווירטשאפטלעכע דערציונג. ארץ־ישראל נויטיקט זיך אין לאנדווירטן, אויסלייזער פון איר ערד. דער אנגענומענער וועג, דאס הייסט אן אינטערנאט־אנשטאלט, האט ניט אויסגעזען צו זיין רעאליזירבאר.

שיבת־ציון מיט אלע אירע באדערפענישן, וואס האט ניט קיין פארגלייך אין דער געשיכטע פון אנדערע פעלקער, האט געפאדערט א פאסיקע לייזונג אויך פאר דער נייער ווירקלעכקייט. און די לייזונג איז געקומען — די קאלעקטיווע ישובים, די קיבוצים האבן געעפנט די טויערן אויפצונעמען גרופן פון עולים־יוגנט.

* * *

וואס איז א קיבוץ?

דאס איז א גרופע מענטשן וואס פארבינדט דעם אידעאל פון לאנד־באניונג מיט דער מענטש־באניונג. דאס איז א ווילן צו באזעצן דאס פארווארלאזטע לאנד און שאפן א פארם לעבן ווו יעדער איינער גיט דער געזעלשאפט לויט זיין כוח און באקומט לויט זיינע באדערפענישן.

לאמיר אויסרעכענען: 1. דער גאנצער פארמעגן, פראדוקציע און קאנסומאציע — געהערט דעם קאלעקטיוו. 2. די ווירטשאפט איז א פלאנירטע. די אר־בעטס־כוחות ווערן איינגעטיילט לויט די באדערפענישן פון דער ווירטשאפט. 3. די פראדוקטן אדער זייער קעגנווערט גייט אריין אין איין קאסע און ווערט איינגעטיילט לויט די פארשידענע קאנסומאציע־צווייגן. 4. אלע דערוואקסענע עסן אין א געמיינזאמען עס־צימער. 5. יעדער איינער באקומט קליידונג, שוך־ווארק א. א. וו., לויט זיין באדערפעניש אין איינקלאנג מיט דער עקאנאמישער קאפא־ציטעט פון ישוב. גלייכצייטיק שטייט אין זיין רשות א קליינע סומע געלט פאר רייזע־צוועקן און דאסגלייכן. 6. יעדער איינער איז פאראנטווארטלעך פארן צווייטן און דער כלל איז פאראנטווארטלעך פאר יעדן פרט. יעדער באדערפטיקער באקומט שטיצע, באקומט קיום מעגלעכקייט און הילף פון דער אלגעמיינער

קאסע. 7. דער קאלעקטיוו איז פאראנטווארטלעך פאר דער דערציונג פון די קינדער. די קינדער אין אלע עלטערס ווערן דערצויגן אין געמיינזאמע קינדער־היימען, זיי פארברענגען די פרייע צייט מיט די עלטערן. 8. די העכסטע אינס־טאנץ פון ישוב איז די אלגעמיינע חברים־פארזאמלונג. דער אויסגעוויילטער סעקרעטאריאט פילט אויס אלע באשלוסן. צו הילף קומען ספעציעל־דערוויילטע קאמיסיעס פאר פארשידענע ארבעטס־צווייגן.

***

בעת משה האט געגעבן די תורה די יידן, האבן זיי געזאגט: "נעשה ונשמע", פריער די טאט און דערנאך דער געדאנק. אויך אין אונזער ענין האט די ווירק־לעכקייט געפאדערט מעשים. הונדערטער, און אין משך פון דער צייט טויזנטער, האבן געוואלט געראטעוועט ווערן. נאר שפעטער האט זיך דערוועקט די אלטע פעדאגאגישע פלוגתא: וואס איז בילכער, די פארמאכטע דערציונגס־אינסטיטו־ציע, וואס האט איינהייטלעכן חנוך און פארמאגט אויך אן אנטשיידנדיקע השפעה אויף אלע גורמים וואס רינגלען ארום דעם תלמוד, און חוצדעם געפינט זי זיך ווייט פון לעבנס־גערודער, אדער די געזעלשאפט אלס א גאנצע מיט אלע אירע נאטירלעכע דערשיינונגען, אין וועלכער מען דארף שאפן די נויטיקע באדינגונ־גען פאר דער דערציונג?

די נויט האט געוויזן דעם וועג. אבער לאמיר זאגן צום אנהויב: דער קיבוצי־שער ישוב האט מער, ווי יעדע אנדערע לעבנס־פארם, דערמעגלעכט א וויכטיקן עקספערימענט. צוליב 2 טעמים: א) דער קיבוץ איז ניט קיין צופעליקער קאנ־גלאמעראט פון מענטשן, נאר א געזעלשאפט וואס איז פארבונדן צווישן זיך מיט אן אלגעמיינעם לעבנס־אידעאל, איבערבויען דאס פאלק, איבערבויען די געזעל־שאפט, איבערבויען דעם מענטש — א געזעלשאפט מיט אזעלכע פאסטולאטן פארמאגט ניט קיין גרויסע דערציערישע מעגלעכקייטן? ב) אין אזא ישוב איז פאראן א מאקסימום איינהייטלעכקייט אין דעם גאנצן ארום, אין די דערציונגס־פאקטארן. די קינדער־היים, דער ארבעטס־פלאץ, דאס עס־צימער, "די גאס", די גאנצע מענטשלעכע פאנאראמע — איז באזעלט מיט איין גייסט.

לאמיר רעזומירן אונזער פארווארט: דער קיבוץ איז אויסגעוויילט געווארן אלס וויכטיקסטע אבסארבציע־פארם פון עלית־הנוער, מחמת ער אנטשפרעכט אלע באדערפעענישן און ער איז א הארץ און א נשמה, א צענטער און א ברען־פונקט פון דעם נייעם ארץ־ישראל.

און איצט, אז מיר האבן די אלע טעזיסן שוין פארמולירט, לאמיר ארויסגיין אין וועג אריין. מיר וועלן פארברענגען א גאנצן טאג אין א חברה פון יוגנט אין גרויסן קיבוץ עין חרוד, אין עמק יזרעאל, קעגנאיבער די בערג פון גלבוע, דער קיבוץ וואס האט אין 1934 אויפגענומען די ערשטע יוגנט־חברה:

עס איז זומער. עס גייט אויף דער מארגנשטערן און באשיינט קודם כל דאס גרויסע עס־צימער אין צענטער פון קיבוץ. פון דארט צעציען זיך שורות

א לעקציע האנט־ארבעט אין
איינעם פון די יוגנט־צענ־
טערן אין עולים־ישובים



מיידלעך לערנען א פאך

עלטערן ברענגען זייערע קינדער צו עלית הנוער

קינדער גרייטן צו דעם באדן פארן גארטן נעבן הכשרה־אנשטאלט פון עלית הנוער
אין באר־שבע

וווין־הייזער אין אלע ריכטונגען. מיר גייען לענגויס די שורות און מיר דער־גייען צו צוויי יוגנט־היימען. א פשוט'ע שטוב, זעקס צימערן מיט א באלקאן. דא געפינט זיך די חברה פון דער עולים־יוגנט.

דער זייגער איז 5.30 אינדערפרי. א גלאק רופט צו דער ארבעט. יינגלעך און מיידלעך קומען ארויס פון די צימערן, עטוואס פארשלאפן. אלע זענען אנגעטאן אין ארבעטס־בגדים און זיי צעגייען זיך צו זייער ארבעט.

לאמיר אריינגיין אין א צימער. 4 בעטן, באדעקט מיט קאלירפולע קאלדרעס, א טיש און שטולן, א בגדים־שאפע, פאליצעס פאר לערן־ביכער און העפטן, בילדער. אלץ איז פשוט, באשיידן, אבער ציכטיק און שיין. א בלומען־גארטן פאר דער שטוב. די חברים באארבעטן אים אין זייער פרייער צייט.

מיר זעצן פאר. די חברה האט געטרונקען טיי און ארויס צו דער ארבעט. טייל איז אריין אין די וויינגערטנער צופוסנס די גלבוע־בערג. זיי אקערן, זיי גיסן וואסער, זיי באשעפטיקן זיך מיט די וויינשטאקן מיט ספעציאליטעט. צוזא־מען מיט זיי געפינען זיך חברים פון קיבוץ, וויינגערטנער. די יוגנט און די חברים גראבן דארט מיט לאפעטעס. קיינער גיט ניט אכטונג אויף דער ארבעט. זיי לערנען זיך פשוט פון די עלטערע חברים. טיילמאל באמערקט עפעס א דער־וואקסענער א יונגעם בחור. די באציונג איז פאטערלעך. קיין פאספארט, קיין נאטע. בעסער געזאגט דא איז דערציונג, דערציונג צו ארבעט פון א יונגן דור דורך אן עלטערן דור. צוויי דורות זעען זיך פארבונדן מיט איין ווערק.

די חברים אין קיבוץ זעען אין דעם יונגוואוקס די קומענדיקע מיטארבעטער. דער ציל איז צו שאפן א נייעם טיפ ייד וואס באארבעט זיין באדן, און אט דער ציל באשטראלט אלע געביטן אין דער ברייט און אין דער טיף פונעם ארבעטס־לעבן. קינדער וויסן עס: די ווירטשאפט גיט פרנסה די מענטשן. ער האט ניט קיין שום זייטיקן צוועק. דאס איז ניט קיין שולע. דא ווערט אריינגעלייגט מענטשלעכע מי כדי ארויסצובאקומען ברויט פון דער ערד.

דערפאר הערשט אזא ערנסט אין דער ארבעט. דער עלטערער חבר דינט אלס מוסטער. די יוגנט הערט זייערע געשפרעכן וועגן פארשידענע ארבעטס־געביטן, וועגן קוואליטעט פון באדן, וועגן די נויטיקע מכשירים, וועגן ארבעט־עפעקטיווקייט. אונז דוכט זיך אז עס איז פאראן א טיפער דערציערישער זין אין דעם לעבנס־שטייגער און ארבעט פון דעם יינגל.

אוודאי איז דער יאך שווער, אבער עס איז אנגענעם, ווייל מען פארמאגט שאפונגס־פרייד. די דאזיקע ווירטשאפט קומט ניט בירושה, די ערד איז געווען וויסט און די ארבעטער האבן געטרוקנט זומפן און אויפגעריסן פעלזן. דאס איז באשאף. די דאזיקע ווירטשאפט געהערט אלע עולים וואס וועלן זיך אנשליסן אן איר. דאס קליינע לאנד דארף זיין גרויס. די ווירטשאפט ווערט געבויט כדי אויפצונעמען נייע מענטשן. מיר האבן פאר זיך א דינאמישן פראצעס וואס איז באזירט אויף א רענעסאנס־ברען פון פאלק. די קינדער שפירן דעם דאזיקן פרא־צעס.

די זון איז שוין אויפגעגאנגען הויך און מיר פילן זיך עטוואס מיד.

לאמיר פארענדיקן אונזער שפאציר. מיר גייען פארביי דעם ציטרוסגארטן, דעם סאד מיט די פרוכט־בוימער און די בינשטאקן, מיר זעען די היי־פעלדער און קומען אן ביז צו די תבואה־שטחים.

א מגושמ׳דיקער, שווער־אטעמדיקער טראקטאר שלעפט אן אקעראייזן. ערד־גרודעס ווערן אויפגעשפאלטן, דער באדן באקומט א שווארצלעבן קאליר. דא וועט באהאלטן ווערן די זריעה, א רעגן וועט אראפגיין, ברויט וועט אויפגיין — מעשי בראשית.

לאמיר זיך דערנענטערן. אויפן טראקטאר זיצט א פארשוויצטער מענטש וואס ווענדט זיך צו אונז מיט א ברייטן שמייכל. דאס איז דאך איינער פון די יינגלעך. מיט עטלעכע טעג צוריק איז אים דער טראקטאר איבערגעגעבן געווארן פאר זעלבשטענדיקער ארבעט. איז דאס א דערגרייכונג. ער דערווערבט א פאך.

די דערציונג צו ארבעט, צו לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט, איז דער יסוד. אויף אים ווערן געלייגט די שורות ציגל פון פאכלעכן פארשריט: מען גייט אריין אין א סטאבילן צווייג; מען ווערט פראפעסיאנעל אויסגעשולט; מען נעמט איבער געוויסע ארבעטס־פראצעסן אויף אייגענער אחריות. די עלטערע העלפן מיט ראט און טאט. דערצו קומט צו דאס בוך. אין א פאר חדשים ארום ווייסט שוין דער יוגנטלעכער די פראבלעמען פון דער ווירטשאפט און ער אריענטירט זיך אין אירע ארבעטס־געביטן. נאכדעם פארבינדט ער זיך צו איין צווייג. אויף דעם אופן דערווערבט ער א געפיל פון זעלבסט־ווירדע, בטחון, באפרידיקונג און צוגעבונדנקייט צו דער ארבעט.

ס׳איז 11 אזייגער. די יינגלעך פארענדיקן די ארבעט און מיר קערן זיך אום צוזאמען אין דארף. לאמיר דערווייל זיי באטראכטן.

דאס איז א חברה פון 40 יינגלעך און מיידלעך. דורכשניטלעכער עלטער — 16 יאר. זיי האבן אנגעהויבן זייער הכשרה מיט א יאר צוריק. טרעטן איצט אריין אין צווייטן און לעצטן הכשרה־יאר. אז זיי גייען אריין אין די פארשידענע צווייגן אנטדעקט זיך א מין דראנג צו ארבעטן אין די ווארשטאטן. דאס איז א רעזולטאט פון דעם אלגעמיינעם געדאנקן־גאנג אין אונזער תקופה וואס הויבט ארויס דעם טעכניקער און זעט אין דעם ערד־ארבעטער אן אפגעשטאנע־נעם עלעמענט. עס איז געגעבן געווארן אן אויפקלערונג איבער די באדערפע־נישן פונעם לאנד און אלע האבן זיך צוגעהערט. אויך מיידלעך האבן געהאט פארלאנגען. פיל האבן געוואלט אריבערגיין אין די קינדער־היימען פון קיבוץ. די תשובה פון די דערציער איז געווען, אז לשם דעם איז נויטיק צו קענען די העברעישע שפראך און אז דאס מיידל דארף אויך דערווערבן א לאנדוויר־טשאפטלעך פאך, פונקט ווי אלע חברות.

צום סוף איז די מערהייט באשטימט געווארן פאר לאנדווירטשאפטלעכע צווייגן, איינשליסלעך האדעווען פארשידענע בעלי־חיים. א טייל יינגלעך אר־

בעטן אין די ווארשטאטן און מיידלעך זענען אויך איינגעארדנט געווארן אין דער קיך, שניידעריי און אין משך פון דער צייט אין די קינדער־היימען.

אן אויסגעוויילטע יוגנט־קאמיסיע מיט דער באטייליקונג פון אן אינסטרוק־טאר האט איינגעטיילט אזוי די ארבעט אין קאאפעראציע מיט דער אלגעמיינער ארבעטס־פארטיילונג פון קיבוץ.

* * *

בעת מיר האבן אזוי געשמועסט, האבן זיך די יינגלעך צעפלאמט, געביטן זייע־רע בגדים און זיך אויסגעזעצט ארום די טישן. טייל זיצן מיט די דערוואקסענע און שמועסן בעת דעם עסן, הערן זיך צו צו די געשפרעכן פון די גרויסע, נעמען אנטייל. אבער די מערהייט זוכט אן אייגענע געזעלשאפט. דאס איז נאטירלעך. די ארבעטער אין עס־צימער דערלאנגען זופ, די הויפט־פארציע און דאס פאר־בייסן. דער שמועס ווערט אפגעהאקט, די ארבעט אין פעלד רופט ארויס א גע־זונטן אפעטיט. די נאכמיטאג־שעה׳ן זענען געווידמעט פאר רו, צו לייענען און צוגרייטן לעקציעס. די לימודים הויבן אן 2 אזייגער און ציען זיך ביז 6 אזיי־גער. דא דארפן מיר מער ניט אויסרעכענען. אלץ איז פארשטענדלעך. פריער דארף מען קענען די שפראך פון לאנד, די נאציאנאלע שפראך, וואס איז פרעמד פאר זיי און זיי זענען פרעמד צו איר. די ערשטע חדשים לערנט מען אינטענ־סיוו העברעיש און נאכדעם פארצוויגט זיך דער לימוד אין קעגנשטאנדן: תנ״ך, ליטעראטור, היסטאריע, לאנד־קענטעניש, געאגראפיע, חשבון, ביאלאגיע, לאנד־ווירטשאפט, גימנאסטיק, געזאנג, האנטווערקעריי.

דער לימוד פון דער עולים־יוגנט אין ישראל איז ניט קיין המשך. ער איז ניט קיין עטאפ אין אן ארגאנישן וווקס פון א קינדהייט וואס איז אנגעזאפט מיט פאלקס־טראדיציע, וואס איר באזע איז די ערשטע פלאפלעריי אין מאמע־לשון, די צווייטע אנלאגע דאס פאלקס־ליד און אויף דעם בויט זיך אויף די וועלט פון די פאלקס־באגריפן און פאלקס־דערציילונג, די לאנדשאפט פון די בערג און פעלדער פון היימלאנד, פארטרעטן פון פאלקס־מענטשן, משפחה מיט־גלידער — א וועלט מיט פארבן און קלאנגען וואס ווערט, אין משך פון די יארן, אלץ קלארער, אלץ טיפער, אלץ ברייטער און העלער. מיט איין ווארט א קינד־הייט־פייזאזש, וואס דינט ווי א פעסטער יסוד און ביי אים איז פאראן זיכערקייט, ווארעמקייט, לעבנס־דערפארונג און לעבנס־קענטעניש און ערשט אויף דעם פונדאמענט הויבט זיך אויף די רעשטאוואניע פון לימוד, פון בילדונג, פון יוגנט־לעכן אויפבלויז און די עמאַציעס פון דעם זיך רייפנדיקן מענטש.

ניין, אזא מין ארגאנישער וווקס פון א פערזענלעכקייט איז דא ניט פאראן. עס איז פאראן א טאט פון אויסרייסן און ווידערפארפלאנצן. אויסוואָרצלונג הייסט אונטערהאקן די ווארצלען; פארפלאנצונג הייסט אריבערפירן דעם וואר־צללאזן הויבעלע אויף א פרעמדן באדן. אט די ווידערפלאנצונג פאדערט פלעגע. אבער ס׳איז ניטא קיין אנדערער אויסוועג. דאס איז א טייל פון שיבת־ציון. און

כאטש דאס איז שווער און די הצלחה איז ניט פול, טרעפט זיך אמאל אז די יונגע פלאנץ קען בלויז לעבן אין קלימאט פון דער אלטער "היים" — דאך זענען פאראן גרויסע אויסזיכטן. מיר קענען זאגן, די גרעסטע אין די געגעבענע אומשטאנדן, פאר דער יוגנט וואס דערציט זיך אין די קאלעקטיווע ישובים.

דאס רייכע און פארביקע לעבן אין די ישובים, דער ענגער קאנטאקט צווישן דערוואקסענעם עולם און דער יוגנט — אין דעם שטעקט די גאראנטיע. א געזעלשאפט וואס פירט דורך א נאציאנאל־סאציאלע רעוואלוציע איז ניט קיין סטאגנירטע געזעלשאפט. צו דער אידעיש־פאליטישער וואכזאמקייט קומט אויך צו א גרויסע קולטור־טעטיקייט. כמעט יעדער ישוב האט א כאר, אפילו א דראַמאטישן קרייז, א טרופע פאר פאלקס־טענץ. די ביבליאטעקן זענען גאנץ גרויסע. פאראן א לייען־זאל. מען זאמלט פלאטן, מען פירט אויך דורך א זעלבשטענדיקע מוזיקאלישע טעטיקייט, מען פלעגט די באנייונג פונעם פאלקס־יום־טוב מיט געזאנג און טאנץ און פארשטעלונג. עס קומען פאר רעפעראטן, קרייזן פאר לימוד. אט די גאנצע טעטיקייט ווייזט אויף איין זאך: אז מען דארף זי האבן. זי ווייזט אויך אויפן פאטענציאל וואס שטעקט אין קאלעקטיוו.

די יוגנט ווערט איינגעפלאכטן אין דער טעטיקייט. זי איז אקטיוו און ווערט אויך אקטיוויזירט. זי אליין באנייט און ווערט אויך אקטיוויזירט. זי אליין באנייט און ווערט באנייט. די ערשטע צייט פילט זיך דער יוגנטלעכער פרעמד אין דער אטמאספער, אבער אט דער לעבנס־שטייגער און לעבנס־קולטור רינגלען אים ארום, דרינגען אריין אין זיין וועזן, דעראבערן אים. די יונגע פלאנץ גיט ארויס א ווארצל, דער ווארצל גראבט זיך איין טיף. ער דערוועבט די נייע קולטור.

מיר זענען שוין אוועק ווייט. מיר האבן אנגעוויזן אויף דער רעוואלוציאנערישקייט פון יונגן עולה און זאגן, אז דאס קיבוץ־לעבן אין זיין גאנצקייט פארזיכערט, מער ווי יעדע אנדערע ראם, אז דער לימוד זאל ניט זיין באגרענעצט אין די ד' אמות פון קלאס נאר זאל ארומנעמען דאס גאנצע לעבן.

* * *

מיר לאזן ניט איבער אונזערע קינדער אויך אין אוונט. זיי זענען פארזאמלט אין קלוב. א ברייטער באקוועמער זאל. אויף די ווענט א וואנט־צייטונג, זייער ארבעט, און דארט געפינען מיר אפהאנדלונגען איבער דער ארבעט, איבערן ספארט, איבער אן אויספלוג, איבער געזעלשאפטס־פראגן. שיין באצירט און דעקארירט. מיר געפינען אויך ד"ר הערצלס בילד מיט אן אויפשריפט: "אויב איר ווילט — איז עס ניט קיין לעגענדע". א קינסטלעריש בילד, פאטאגראפיעס פון לאנד און אין ווינקל א טאוול "אוונט־פראגראמען". מיר לערנען דא אז די וואך וועט איין אוונט זיין געווידמעט פאר אן איבערזיכט איבער די נייעס, א צווייטער אוונט צו הערן פלאטן, א דריטער פאר א שמועס, א פערטער פאר א באגעגעניש מיט א חבר פון קיבוץ, דער פינפטער איז פריי און פרייטיק־צונאכטס פראוועט מען א מסיבה.

זיצן די יינגלעך אין א קרייז מיט די אינסטרוקטארן. זיי זענען דריי, און מיר האבן זיך נאך ניט פארגעשטעלט. יא, אלע דריי זענען חברים פון קיבוץ שוין לאנגע יארן, פון די ערשטע. נייַן, זייער פאך איז ניט לערעריי. זיי האבן דער־ווארבן זייער פעיקייט און נייגונג אין די אויסלענדישע יוגנט־ארגאניזאציעס און אדאנק זייער ארבעט און לעבן אין קיבוץ. עלית הנוער קומט זיי צוהילף מיט קורסן און פארפולקומונגען. זיי קומען פון פעלד און ווען זיך אומקערן אין פעלד נאך א פאר יאר פון אינסטרוקציע־ארבעט. אייגנטלעך האט דער קיבוץ זיי אויסגעוויילט פאר דער ארבעט און זיי זענען זיינע שליחים.

מען קען ניט אפטיילן צווישן לימוד און דערציונג. די אינסטרוקציע איז אן ארגאנישער אומצעשיידבארער טייל פון דער דערציונג. זען דאס קינד אין זיין גאנצער אינטעגראלקייט — דאס איז די אויפגאבע. הייסט עס, דער אינסטרוק־טאר פאלגט נאך די ארבעט פון די יינגלעך און שטייט אין קאנטאקט מיטן קי־בוץ; דער אינסטרוקטאר גיט 3־4 לעקציעס א טאג; דער אינסטרוקטאר לייגט אכט אויף אינדיווידועלער און סאציאלער דערציונג פון זיין גרופע.

אלע דריי זענען אין איין מסיבה מיט דער חברה. היינט שמועסט מען וועגן א געמיינזאמער קאסע. א טייל האט א פאר גראָשן פון אויסלאנד אדער מתנות פון קרובים. עס איז פאראן א פארשלאג ארייַנצולייגן דאס גאנצע געלד אין איין קאסע און זי זאל באדינען די גאנצע חברה. דער געדאנק: זאל ניט איינער נהנה זיין, זאל ניט געשאפן ווערן קיין קנאה. זאל יעדער איינער מותר זיין לטובת דעם כלל. וואס טאן מיטן געלט? מיר וועלן איינקויפן ספארט־ און שפילצייג, מיר וועלן איינארדנען א שפאציר, העלפן דעם יחיד, אזוי בויט זיך אויף א כלל, אזוי שאפט זיך א געזעלשאפט. און דאס איז דאך די שטרעבונג — ווערן א גע־זעלשאפט, ניט א צופעליקער צוזאמענגוס פון יחידים, יעדער איינער פאר זיך — נאר א געזעלשאפט מיט בשותפות׳דיקן רצון און אויספיר־קראפט.

מיר הערן זיך איין. ווּנדערלעך, ווי אומבאוווּסטזיניק שאפט זיך אן אידענטי־פיקאציע מיט די גרונט־אידעען פון קיבוץ. יא, די דאזיקע אידענטיפיקאציע ווערט געשאפן מיט ראנגלענישן. אט די קאסע האט אירע געבורטס־ווייען. ס׳איז ניט לייכט נאכצוגעבן. עס איז מעגלעך נאר דאן ווען די געזעלשאפט ווערט פארוואנדלט אין א וויכטיקן יסוד פאר יעדן יחיד. ״די שאפונג פון דער חברה״, ״דער מצב פון דער חברה״, דאס איז דער אקס ארום וועלכן דאס לעבן דרייט זיך אין משך פון 2 יאר.

דער ציל איז קיינמאל ניט פארגעבראכט געווארן פאר זיי ווי אן אויפגאבע, ווי א פאדערונג. די שטרעבונג צו דעם ציל ווערט געבוירן פון אינעווייניק. זי קומט פון עצם לעבן. די יינגלעך און מיידלעך קומען עלנטע. קודם באקענט מען זיך. געמיינזאמע ענינים אין ווינצימער, ביי דער ארבעט, אין קלוב, זענען גורם צו א דערנעענטערונג און צו רייבונגען גלייכצייטיק. א קולטור־מענטש זוכט צו דערגרייכן הארמאניע. לאנגזאם בעסערן זיך אויס די באציונגען. מען דארף באהאנדלען געמיינזאמע ענינים, מען דארף באקעמפן שטערער, מען דארף מער

אויסציען דעם קלוב, מען דארף פייערן דעם יום־טוב צוזאמען. אזוי שאפט זיך די יונגע דעמאקראטיע.

די אינסטרוקטארן באטייליקן זיך ווינציק אין שמועס. זיי באנוצן ניט זייער אויטאריטעט כדי ארויפצוצווינגען זאכן. די געזעלשאפט פונקט ווי די פערזענלעכקייט דארף וואקסן לאנגזאם פון זיך און מען קען זי ניט ציען ביי די האר.

דערפאר פורעמט זיך אויס די געזעלשאפט לאנגזאם און זיגזאגיק. עס זענען פאראן אויסברוכן, דיווערסיעס, קנאה. אבער בדרך כלל זיגט די פאראנטווארטלעכע גרופע וואס זעען אלס ציל די כלל־ענינים און די אינסטרוקטארן דערמוטיקן זיי אין מאמענטן פון קריזיס.

און צום סוף קומט די אידענטיפיקאציע. מיר זענען א געזעלשאפט מיט אן אייגענעם ווערט. 2 יאר הכשרה פארפליכטן צו עפעס. אין אונזער אייניקייט ליגט א כוח. מיר ווילן שטעלן דעם כוח צו דינסט דעם פאלק און לאנד. מיר האבן אויסגעפונען די קאלעקטיווע ווירטשאפט אלס די שענסטע לעבנס־פארם. מיר האבן פארזוכט ערד־ארבעט, זיך באקענט מיט דער אידעע. מיר גלויבן אין דער אידעע, מיר זעען אין איר א גאולה פאר פאלק און לאנד, מיר זעען אין איר אונזער וועג. מיר וועלן גרינדן א נייעם קיבוץ, מיר וועלן אויך באפרוכפערן וויסטעניישן, זיך פארבינדן מיט א שטיק ערד און בויען אונזער געמיינזאמע היים.

* * *

מיר האבן געמאכט א קפיצת הדרך. ביים צוהערן זיך צום שמועס וועגן דער געמיינזאמער קאסע האבן מיר געהערט א ווידער־קול פון דער צוקונפט. מיר האבן גוט געהערט. די רעוואלוציע איז פארטיק. מיט זייער עליה זענען די יינגלעך אפגעריסן געווארן פון די עלטערן, געקומען עלנט אין א נייער סביבה. זיי האבן פארלאזט א לאנד און געגאנגען צו א נייעם שאפן פאר זיך א פאטערלאנד. זיי האבן געטוישט איין לאנדשאפט אויף א צווייטער. זיי האבן פארלאזט א מאמע־לשון און זיך אויסגעלערנט א נייע שפראך. די מערהייט האט איבערגעלאזט שטודיום און זיך פארוואנדלט אין ארבעטס־מענטשן. די מערהייט קומט פון דער שטאט אין דארף אריין. דאס איז אין סתירה צום אלגעמיינעם גייסט, אבער דאס איז אין איינקלאנג מיט שיבת־ציון. זיי האבן איבערגעלאזט א משפחה כדי צו לעבן אין א קאלעקטיוו.

איז עס ניט קיין רעוואלוציע? איז עס ניט קיין פולשטענדיקע ווערטן־איבערשאצונג? אט דאס טוישן און דאס פונסניי־וואקסן קומט פאראלעל מיט דער אנטפלעקונג פון פארבארגענע נשמה־כוחות ביי דער יוגנט. די אנטוויקלונג־יארן טוען דאס זייעריקע. גייסטיקע און זעלישע יסודות ביים קינד צעפאלן זיך, און נאכדעם ווי די זיכערע באזע, די היים פון די עלטערן, דאס פאריקע לעבן ווערט איבערגעקערט און דאס יינגל שטעלט זיך אוועק נאקעט און אנטבלויזט פאר א געזעלשאפט און פאר נייע לעבנס־באדינגונגען — דעמאלט פילט ער

דעם אינערלעכן אויפשטורעם. דעמאלט, פון די נשמה־קאנוואולסיעס, שפראצט אויף דאס נייע לעבן.

* * *

עס איז שויך שפעט. דער טאג איז אוועק. די צוויי יאר הכשרה האבן זיך געענ־דיקט. א גוטע דערציונג געווען, אזוי גלויבן מיר. גוטע ווין־באדינגונגען און גוטע שפייז, א גוטע אויפזיכט איבערן קערפער און איבערן בגד, גוטע אנווייזונ־גען אין דער ארבעט און אין פאכלעכער אויסבילדונג. עס איז געווען א קלאס און א קלוב, א לעקציע און א בוך, איבערגעבענע מדריכים, אינטערעס מצד די חברים — אבער דאס אלץ צוזאמען איז די קאלעקטיווע ווירטשאפט. דאס איז די דערציערישע אטמאספער פון ישוב.

דער דערציערעשער ישוב קלייבט צונויף דאס דאזיקע יונגוואָרק, וועבט זיי אריין אין זיין לעבנס־געוועב, גיט זיי איבער זיין קולטור און זיינע ווערטן און בעת ער געזעגנט זיך מיט זיי, פארמאגן זיי אן ערנסטן גייסטיקן באגאזש. אין זייער הארץ ברענט א וויזיע און פאר זיי שפרייט זיך אויס א לעבנס־וועג.

ג. בערגסאן

א קינדער־דארף

אויף אן איינזאם בערגל, באזייט מיט א ווילדער וועגעטאציע און מיט איינגעפאלענע בוימער, ווו סקארפיאנען און שלאנגען וווינען, איז אין יאר 1951 געגרינדעט געווארן דאס קינדער־דארף אלוני־יצחק. היינט־צו־טאג שטייט אויף דעם בערגל א בליענדיק דארף, באוווינט דורך 172 קינדער. ארום זיי זענען טעטיק 30 אינסטרוקטארן. בעלי־מלאכות און לאנדווירטן העלפן די קינדער אין זייער ארבעט. דאס דארף באשטייט פון 11 פארטיק־פאבריצירטע־הייזלעך, 5 שטיין־הייזער, 2 עס־צימערן, איין קיך, זעקס שול־קלאסן, צוויי ספארט־פלעצער, איין ביבליאטעק, איין וועשעריי, קליידער־מאגאזינען און עטלעכע נעבן־געביידעס.

די פארם געהערט צום דארף. זי פארמאגט אירע אייגענע הינער־שטייגן, שאף, עופות און איר אייגענע תבואה־מיל.

דאס דארף נעמט ארום 5 באזונדערע גרופעס יוגנטלעכע; יעדע איינע איז ארגאניזירט אלס סאציאלע איינהייט. די יינגסטע גרופע באשטייט פון 38 קינדער אין עלטער פון 9 ביז 11 יאר, וועלכע שטאמען פון רומעניע, אונגארן, פוילן, בעלגיע, מצרים, איראק, פראנקרייך און פון בעלגיש־קאנגא. א צווייטע גרופע באשטייט פון 12 ביז 4־יאריקע קינדער, און אנטהאלט 30 קינדער פון פוילן, אונגארן, רומעניע, בעלגיע, פראנקרייך און יוגאסלאוויע. א דריטע גרופע פארנעמט 28 קינדער אין דעמזעלבן עלטער, א פערטע גרופע באטרעפט יינגלעך און מיידלעך פון 15 ביז 16 יאר, וואס שטאמען פון צפון־אפריקע, און די פינפטע גרופע אנטהאלט די "וועטעראנען" פון דארף, קינדער און עלטער פון פופצן ביז זעכצען אהאלבן יאר — 52 קינדער וואס שטאמען בעיקר פון מזרח־איראפע, פון בעלגיע און פראנקרייך. אין דער לעצטער גרופע געפינען זיך א געוויסע צאל קינדער, וועלכע זענען אנגעקומען מיט דער בארימטער שיף "עקסאד". יעדע גרופע וווינט אין שכנות'דיקע הייזער, וואס שאפן צוזאמען א באזונדערן קווארטאל אין דארף. יעדע גרופע האט איר אייגענעם פארזאמלונג־זאל און ווערט באראטן און באאויפזיכט דורך 2 יונגע פרויען און איין אינסטרוקטאר. די צוויי יונגע פרויען פארנעמען זיך מיט די טעגלעכע מאטעריעלע באדערפענישן פון די קינדער און דער אינסטרוקטאר איז פאראנטווארטלעך פאר זייער דערציונג. אין א געוויסן זין דערפילן די צוויי פרויען די ראל פון מאמעס פאר די קינדער. די ראל פון אינסטרוקטאר איז מער געגליכן צו דער אויפגאבע פון א צופים־לייטער.

אין דארף געפינט זיך א פאלקסשולע מיט די 5 אויבערשטע קלאסן פון

שול־פראגראם, ווייל די קינדער קומען אן אין דארף אין אן עלטער, ווען זיי דארפן אריינגיין אין דריטן שול־יאר. חוץ די עלעמענטארע לי־מודים זענען פאראן צוויי קלאסן אין וועלכע מען לערנט לויטן פראגראם פון די ערשטע צוויי יאר פון פארגעשריטענעם שטודיום. דער פראגראם אין אלע קלאסן אין דארף איז פאראלעל צום פראגראם פון די ארנדערע שולן אין ישראל, אבער א ספעציעלע אויפמערקזאמקייט ווערט געגעבן די קעגענשטאנדן וואס האָבן א שייכות מיט לאנדווירטשאפט.

די צוועקן פון דארף

דאס קינדער־דארף אונטערשיידט זיך פון אן אנדער דארף דורכדעם, וואס זיינע איינוווינער זענען זייער יונג און געפינען זיך דא נאר א פאר יאר. דאס קינד ווייסט אז דאס דארף איז ניט באשטימט אלס זיין שטענדיקע היים. גלייכצייטיק, פון דערציערישן שטאנדפונקט, איז וויכטיק צו שאפן אין אזא אנשטאלט, אן אטמאספער פון ערנסטער ארבעט און פארמיידן אלץ וואס האט א פראוויזארישן כאראקטער אין די אויגן פונעם קינד. דאס דארף דארף זיין גלייכצייטיק א היים און א דערציערישער צענטער פאר דער יוגנט. די געביידעס, די שפיל־פלעצער און די ארגאניזירונג פון דער ארבעט, באצוועקן צו געבן דעם קינד א געפיל פון פרייהייט און צופרידנהייט. קודם־כל טארן די קינדער נישט פילן אז זיי געפינען זיך אין אן 'אנשטאלט'. דעריבער באהאלט מען פאר זיי גארניט, מען פארשליסט ניט די זאכן וואס זענען באשטימט פאר די אינסטרוקטארן; און מען באמיט זיך, ווי ווייט מעגלעך, צו האלטן דיסציפלין מיט דער הילף פון איבערצייגונג און אפעלירונג צו זייער גוטן ווילן. אודאי הערשן אין דארף געוויסע מעטאדעס און טראדיציעס, אבער מען פארמיידט צו צווינגען די קינדער צו וועלכער־ניט־איז זאך. בעת א גרופע פארלאזט דאס דארף, גיט זי איבער אירע נאכפאלגער די וויכטיקסטע לעבנס־פרינציפן פון דארף. די אויטאריטעט פון די ניט־געשריבע־נע געזעצן איז ניט וויניקער שטארק ווי א געשריבענע קאנסטיטוציע.

דער דערציערישער צוועק

דער דערציערישער צוועק פונעם קינדער־דארף, רופט ארויס א סך אומפאר־מיידלעכע פראגעס: וואס איז דער ציל פון אייער דערציונג? צי האט איר פעסטגעזעצט די פרינציפן פון דער דאזיקער דערציונג? צי האט איר אנגענו־מען די קלאסישע דעפיניציע פון פעדאגאגישער ארבעט: איבערגעבן די וויכ־טיקסטע ווערטן פון א קולטור און ציוויליזאציע פון איין דור דעם אנדערן? צי דערציט איר די קינדער אין גייסט פון די גרונטזאצן פון רוסא: פרייע אנט־וויקלונג פון אינטעלעקטועלע פעיקייטן ביים קינד און אויסמיידן די מכשולים וואס פארהינדערן די דאזיקע אנטוויקלונג? אדער האלט איר פון דער טעאריע פון אמעריקאנער טאָרדייק: צופאסן דעם מענטש צו דער נאטור און צו זיין סביבה.

אין־דער־אמת׳ן נעמען מיר ניט אן קיינעם פון די אויבן־דערמאנטע פעדאגא־גישע פרינציפן. לויט אונזער מיינונג, איז דער עיקר דער גייסט אין וועלכן מען דערציט די קינדער. דער הויפט־צוועק פון אונזער דערציערישער ארבעט, איז צו באאיינפלוסן די קינדער און פון זיי מאכן נוצלעכע עלעמענטן אין אונזער געזעלשאפט. אונזער דערציערישער אידעאל קען אזוי רעזומירט ווערן: ״דער־ציען ציווילעזירטע מענטשן, מיט א הויכן מאראלישן ניוואָ, וועלכע זאלן זיין באוווסטזיניק אין זייערע נאציאנאלע פליכטן, צוגעבונדן דורך זייער פארגאנ־גענהייט און טראדיציע צום פאלק; און וועלכע זאלן וויסן אז מיט דער באאר־בעטונג פון זייער היימלאנד־באדן פארווירקלעכן זיי זייער פערזענלעכן און נאציאנאלן אידעאל״.

דאס לעבן אין דארף באשטייט פון די פארשידענע טייטיקייט־ספערעס: די שולע, די גרופע און די סאציאלע און קינסטלערישע אקטיוויטעט. די לעצטע ספערע באטרעפט מוזיקאלישע באטייליקונג, אלס מיטגליד פון כאר אדער אר־קעסטער, טעאטער־טעטיקייט, צייכנונג אדער סקולפטור, ריטמישע קורסן און פאלקלאר־טענץ. צווישן די סאציאלע אקטיוויטעטן, דארף מען באצייכענען די 20 גארטנס וואס ווערן געפלעגט דורך די קינדער פון דארף.

א קינד וואס לעבט אין דארף פארברענגט בערך 6 שעה מיט ארבעט, מיט אנטאָן זיך, מיט ראמען און ארדנען זיין צימער. די פארשידענע מאלצייטן פאר־נעמען אנדערהאלבן שעה. פינף שעה פארברענגט ער מיט לערנען און צוויי שעה מיט ספארט און שפיל. איין שעה גרייט ער צו זיינע לעקציעס און די אי־בעריקע אכט שעה שלאפט ער און רוט. די קינדער אין עלטער אונטער 12 יאר ארבעטן נאר דריי ביז פיר שעה א טאג און לערנען נאר פיר שעה.

בדרך כלל, בעת זיי קומען אן אין דארף, זענען די קינדער ניט געוווינט צו ארבעטן. אפטמאָל וויסן זיי אליין ניט מיט וואס זיי פארינטערעסירן זיך און עס איז פאר זיי שווער אויסצוויילן אן ארבעטס־צווייג אדער א פאך וואס איז זיי באַענט.

אין משך פון ערשטן יאר, איז די ארבעט איינגעטיילט אין 4 תקופות; יעדע איינע דויערט צוויי מיט א האלב חדשים. אין יעדער תקופה איז מעגלעך ארי־בערצופירן דאס קינד פון איין צווייג אין אנדערן, אויב עס ווייזט זיך ארויס אז ס׳איז נויטיק; אבער יעדעס קינד מוז דורכמאכן לפחות צוויי מיט א האלב חד־שים אין די אינערלעכע דינסטן, אזויווי קיך, קליידער־מאגאזין, א. א. וו... די אנדערע תקופות זענען געווידמעט פאר די פארשידענע לאנדווירטשאפטלעכע צווייגן. די לעצטע צוויי חדשים פון יאר ווערן פארטיילט אין איין חודש וואקא־ציעס און איין חודש זומער־לאגער.

מיר ווילן ניט לייקענען, אז די דערציונג פון די יוגנטלעכע וועלכע קומען פון פארשידענע קרייזן און פון פארשידענע לענדער, ברענגט מיט זיך, אפילו אין קינדער־דארף, א סך שוועריקייטן. יעדן טאג ווייזן זיך ארויס באזונדערע פראב־לעמען, וואס ברענגען דעם דערציער אין א שווערער לאגע. עס טרעפט זיך,

באזונדערס אין אנהויב, אז קינדער לויפן אוועק פון דער ארבעט און ווייזן ארויס א פיינטלעכע באציונג צו זייערע אינסטרוקטארן אדער צו זייערע אייגענע חברים. די באציונגען צווישן קינדער פון פארשידענע אפשטאמען זענען טיילמאל געשפאנטע, ספעציעל אין אנהויב. אפט זענען אויך פארגעקומען גנבות. אין יעדער גרופע טרעפט מען קינדער וואס ווילן ניט אננעמען די כללים פון קאלעקטיוון לעבן. יעדן טאג וואקסן ארויס א מאסע נייע פראבלעמען, און כדי צו געפינען א לייזונג פאר זיי, איז געשאפן געווארן אין דארף א פעדאגאגישע קאמיסיע פון אינסטרוקטארן און לערער, וואס באהאנדלט יעדן פאל באזונדערס און באשליסט וואס צו טאן, נאכדעם ווי זי האט אויסגעהערט די מיינונג פון די פאראינטערעסירטע. פארשטייט זיך, אז ס׳איז אוממעגלעך צו געפינען אן אידעאלע לייזונג פאר יעדן פראבלעם, אבער אין די מערסטע פאלן איז די קאמיסיע מצליח צו ארדנען די ענינים אויף א צופרידנשטעלנדיקן אופן.

דאס קינדער־דארף אלוני־יצחק דערפילט אן אויסגעצייכנטע דערציערישע ארבעט. דער רוב קינדער וועלכע זענען דא דערצויגן געווארן, פארלאזן דאס דארף אינגאנצן געענדערט, אויסגעשטאט מיט א סאלידער בילדונג, מיט א נוצלעכן פאך, און על פי רוב, מיטן באשלוס ווייטערצולעבן אין דארף.

די קינדער־היים אין קאמבוס, פראנקרייך

בעת די יוגנט־עליה קינדער פון צפון־אפריקע זענען אנגעקומען צום ברעג פון גרויסן פארט האבן זיי געפרעגט: ״דאס איז ארץ־ישראל? מיר זענען אנגעקומען?״ האט מען זיי געענטפערט: ״ניין, דאס איז מארסיי, דער גרויסער פראנצויזישער פארט ביים מיטללענדישן ים״. פון דארט זיינען זיי געפארן פיר שעה אין אויטאס צום קליינעם שטעטל מאנפעליע. אן אלטע און שיינע שטאט, א צענטער פאר מעדיצינישע לימודים. דארט געפינט זיך א גרויס און שיין שפיטאל, אלטע און אינטערעסאנטע געביידעס. אבער די נסיעה האט זיך ניט פארענדיקט. נאך א האלבע שעה קוקן די מידע אויגן ארויס פון די אויטא־פענצטערס און זעען א וויסטע לאנדשאפט, פעלזן און קליינעווילדע געוויקסן. פון צייט צו צייט א שטיקל באארבעטער באדן, א געפלאנצטער וויינגארטן. אט איז אן ארעם דארף, אט זענען מענטשן. פנימער פול מיט קארטשן; ס׳איז שווער ארויסצושלעפן א שטיקל ברויט פון דער קאלטער ערד דא. מען קומט אריין אין הויף; אן אלטער פאלאץ שטייט דא און ארום אים עטלעכע קליינע און לאנגע בנינים מיט זייערע רויטע דעכער. דא פארברענגען די קינדער זייער דורכגאנג צייט אין פראנקרייך.

דער קעמפ איז גרויס און אין אים איז גענוג פלאץ פאר ארבעט און שפיל. יעדע גרופע לערנט אין איר אייגענעם בנינים־בלאק. דריי וווין־באראקן, אן עס־צימער און א הויף. ביי דער זייט — א ספארט־פלאץ. ארום די הייזער בלומען און גרינס־גארטנס, אזויוויט די קינדער זענען פעיק צו באארבעטן די דאזיקע פעלזיקע שטחים.

ניט אלע קינדער געוווינען זיך לייכט צו צו די נייע באדינגונגען. א סך ליידן פון פארשידענע קראנקהייטן, אנדערע בענקען אהיים. אבער נאך א געוויסער צייט געוווינט זיך דער רוב צו, און עס אנטשטייט א ממשות׳דיקע געזעלשאפט. אינדערפרי שטייט מען אויף צו גימנאסטיק און מען איילט זיך אויפצוראמען די צימערן. דאס צימער וואס איז אמבעסטן אויפגעראמט באקומט פרייטיק ביי דער קאנטראל די פאן פאר ריינקייט. נאך דער פרימארגן־מאלצייט גייט יעדעס קינד אין זיין קלאס, לויט זיינע קענטעענישן און בילדונג. דא זענען פאראן א סך אונטערשידן: ס׳זענען פאראן קינדער וואס האבן געלערנט העברעיש און אפילו פראנצויזיש, און ס׳זענען פאראן קינדער וועלכע האבן בכלל גארניט געלערנט. אבער יעדער איינער איז צופרידן מיט זיינע לימודים. דער רוב קינדער מאכן

שיינע פארשריטן, און בעת זיי קומען אן אין לאנד, פארשטייען כמעט אלע העב־רעיש און אפילו ריידן קענען זיי, מער אדער ווייניקער. נאכמיטאג־רו, געזעל־שאפטלעכע טעטיקייטן און ארבעט. גארטן־ארבעט ביי א שיינעם וועטער, און אין רעגן־טעג — האנט־ארבעטן: שטיקערייען, צייכענונגען, קארטאן און האלץ־שניטן. דער רוב דינסטן אין לאגער ווערט געמאכט דורך די קינדער אליין. דעריבער דערווארטן מיר ארבעטס־טעג און זעלבשטענדיקייט פון די יוגנט־חברות אין לאנד. און די אוונטן פארברענגען זיי מיט טעטיקייטן, דיסקוסיעס, געזאנג, טענץ און שפיל.

און ווי אינטענסיוו איז די ארבעט פאר א יום־טוב. ס׳איז ניטא קיין איין קינד וואס זאל ניט זיין פארנומען מיט צוגרייטונגען. יעדער איינער באטייליקט זיך. ווער אין פארשטעלונג און ווער אין טאנץ, ווער אין גימנאסטיק און ווער אין דער קליידער־צוגרייטונג, און אויב אין צייט פון יום־טוב ווערט אויך איינגע־ארדנט א ספארט־טאג איז די פרייד דאפלט. די יינגלעך באגייסטערן זיך פארן פוסבאל־שפיל אויפן גרויסן פלאץ, וואס יעדע גרופע אין לאנד וואלט זיי וועגן אים מקנא געווען. און די מיידלעך פארמעסטן זיך אין לויפן.

פאראן פרייד און פאראן געוויין, פאראן אייפערזוכט און פריינטשאפט, פאראן גרויסע געזעלשאפטלעכע פאראנטווארטלעכקייט און אויך מאנגל אין דיסציפ־לין. אלץ איז ווי אין א נארמאלער יוגנט־חברה אין לאנד. עס פעלט אבער נאך די אומגעבונג פאר דער דאזיקער חברה, די קינדער האבן זיך נאך ניט אויס־געלערנט איינצופלעכטן דאס לעבן פון זייער קליינער געזעלשאפט אין דער פיל גרעסערער געזעלשאפט פונעם פאלק אין אונזער לאנד. און די קינדער וועלכע האבן נאיוו געפרעגט: „מיר וועלן גייען אין קיבוץ. וואס איז אזוינס א קיבוץ, איז עס אזוי ווי קאמבוס? זענען דארט פאראן נאר קינדער?" — האבן מיר געענט־פערט: „ניין, א קיבוץ איז א גרויסע געזעלשאפט פון א סך מענטשן, משפחות און איינצלנע, אלטע און קינדער, וועלכע לעבן ענלעך ווי איר א געזעלשאפט־לעך לעבן. יעדער איינער האט פליכטן און רעכט אין דער דאזיקער געזעל־שאפט. זיי האבן א בשותפות׳דיק עס־צימער און אן ארבעט־צעטיילונג פונקט ווי איר. עס איז שווער אייך צו דערקלערן וואס ס׳איז א קיבוץ, איידער איר זענט דארט נישט געווען.ווארט מיט געדולד און איר וועט זען, ווען איר וועט אנקומען אין קיבוץ, וועט איר זען און פארשטיין".

און די קינדער זיפצן א זיפץ פון גליק, פון דערווארטונג און פרייד — דער טאג פון זייער עליה נענטערט זיך.

אלי תורן

רמת הדסה

רמת־הדסה איז דער אויפנעם־לאגער פון דער יוגנט־עליה. אלע קינדער וואס קומען אין עלית הנוער ,מוזן דורכגיין דורך רמת־הדסה, ווו קוואליפיצירטע לע־רער, דאקטוירים און פסיכאלאגן באשעפטיקן זיך מיט זיי כדי צו אריענטירן די קינדער צו א דערציונג וואס איז אממערסטן פאסיק פאר זיי.

אונזער אויטא קערט זיך אויף לינקס און לאזט הינטער זיך דעם שאסיי חיפה־עפולה. מיר פארן אריין אין טבעון, איינער פון די שענסטע צענטערן פאר טור־ריסטיק אין ישראל. קאקטעס ווילעס, באצירט מיט וואונדערשיינע גערטנער שטייען אויף ביידע זייטן פונעם הויפט־שאסיי, וועלכער פירט אונז אויף א פלאץ פון וועלכן מיר האבן א וואונדערבארע אויסזיכט אויפן כרמל. אויף דער רעכ־טער זייט פירט א וועג צו א בארגל, באזייט מיט קליינע געביידעס אין ליכטיקע פארבן: א סך בוימער, בלומען, גוט־באזארגטע גערטנער. געבאדן אין דער סעפטעמבער־זון, דערשיינט דער ארט ווי א שמייכל אינמיטן פון דער גרויסאר־טיקער פאנאראמע, וואס ווייזט זיך פאר אונז. דאס איז רמת־הדסה, דער אויפ־נעם און דורכגאנג־צענטער פון עלית־הנוער.

דער לייטער פונעם צענטער קומט אונז אנטקעגן. ער איז א מאן פון אן ערך 40 יאר, פשוט, פריינטלעך און סימפאטיש. מיט זיינע קורצע הויזן, זיין אפן העמד, זיין הארטער און געברוינטער הויט — מאכט ער דעם איינדרוק פון א חלוץ; אין פארלויף פון אונזער שמועס מיט אים, דערוויסן מיר זיך אז ער איז אין דער אמת׳ן געווען א חבר אין א קיבוץ אין דער געגנט אין משך פון א סך יארן. ער שלאגט אונז פאר אריינצוקומען אין זיין ביורא, איז אבער מסכים מיט אונז, אז ס׳איז בעסער זיך אוועקזעצן אויף א באנק אין שאטן פון צוויי בוימער.

"רמת־הדסה" — זאגט אונזער גאסטגעבער — איז געגרינדעט געווארן אין 1949. די אמעריקאנער ציוניסטישע פרויען־ארגאניזאציע הדסה האט געשטעלט געלטער אין רשות פון דער יוגנט־עליה. אין משך פון די 4 יאר פון אונזער קיום, זענען טויזנטער קינדער דורכגעגאנגען דורך רמת־הדסה. מיר האבן געקענט די תקופה פון מאסן־עליה, ווען מיר זענען געווען באלאדן מיט ארבעט און עס איז געווען שווער אויפצונעמען אלע קינדער וועלכע מען האט אונז געשיקט. איצט איז רויקער געווארן און מיר קענען זיך פארנעמען מיט די קינדער פון די מעברות, וועלכע, ווי איר ווייסט, וואקסן ניט תמיד אויף אין צופרידנשטעלנדיקע באדינ־גונגען".

— קענט איר אונז זאגן אין וואס באשטייט די אויפגאבע פון אייער אויפנעם־צענטער און וויאזוי ער פונקציאנירט ?

— יעדעס קינד וואס ווערט אויפגענומען דורך דער יוגנט־עליה, מוז אומ־באדינגט דורכגיין דורך רמת־הדסה. דא קומט ער אין ערשטן קאנטאקט מיט אונזער אינסטיטוציע און דא הויבט זיך עפעקטיוו אן זיין דערציונג. איך בא־טאן באזונדערס דעם פאקט : כאטש די קינדער בלייבן בדרך כלל נאר 3 וואכן ביי אונז, לייגן מיר אויף זיי ארויף פון ערשטן טאג אן די דיסציפלין און די פא־דערונגען פון א געארדנעטן לעבן, וואס אנטהאלט א שטרענגן לערן און אר־בעטס־פראגראם. די קינדער מוזן באשעפטיקט זיין אין משך פון גאנצן טאג און אזוי ארום זיך צוגעוווינען צו א נארמאלן לעבן. מיר פארמאגן דא אן עס־זאל ווו די קינדער באקומען אין באשטימטע שעה׳ן זייערע מאלצייטן ; לערן־קלאסן, ווו קוואליפיצירטע לערער אונטעריכטן עברית און די הויפט־קענג־שטאנדן פון שול־פראגראם ; אפרו־און שפיל־זאלן ווו די קינדער פארברענגען זייער פרייע צייט.

בעת די קינדער קומען אן ביי אונז, ווייסן מיר בדרך כלל זייער ווייניק וועגן זיי. אבער אלע אינפארמאציעס וואס מיר האבן געקאנט צונויפקלייבן, זענען ביי אונז פארשריבן. די עולים־קינדער גייען קודם דורך דורך שער העליה, דער אלגעמיינער אויפנעם־צענטער אין לאנד, און פון דארט קומען זיי צו אונז מיט א מעדיצינישן אטעסט. נאכדעם מאכן זיי דורך א ספעציעל פאר קינדער פאר־פאסטן פסיכאלאגישן טעסט. לויטן רעזולטאט פון דעם טעסט קען אונזער פסי־כאלאג אורטיילן איבערן פסיכישן צושטאנד פון קינד און זיינע גייסטיקע פעי־קייטן. דער צוועק פון דעם פסיכאלאגישן עקזאמען איז קודם־כל צו דערקענען די אנארמאלע אדער אפגעשטאנענע קינדער, וועלכע קענען ניט פאלגן זייערע חברים אינעם נארמאלן וועג פון דערציונג און לימודים.

דאס נארמאלע קינד פארלאזט רמת־הדסה נאך דריי וואכן, די שווערע קינ־דער בלייבן דא בדרך כלל דריי ביז פיר חדשים. אין משך פון דער צייט ווערן זיי באאבאכט דורך זייערע דערציער. זיי פירן א לעבן וואס איז אין יעדער באציונג ענלעך צום לעבן פון די אנדערע קינדער. איין מאל אין וואך ווערן זיי אונטערזוכט דורכן פסיכאלאג און די דערציער גיבן איבער וועכנטלעכע בא־ריכטן איבער זייער אויפפירונג. אזוי ארום ווערט פארריכט יעדער עווענטועלער טעות אין אורטייל, וואס איז איבער די דאזיקע קינדער אפגעגעבן געווארן, און די יעניקע קינדער וועלכע לײדן נאר אין פארבייגייענדיקע פסיכישע שטע־רונגען און לייכטע אנאמאליעס ווערן אינגיכן צוריקגעשיקט צו זייערע חברים. אבער די, ביי וועלכע ס׳ווייזט זיך ארויס, אז זיי זענען ניט פעיק צו פאלגן די פאר זיי באשטימטע לימודים, ווערן געשיקט אין איינעם פון די ספע־ציעלע אנשטאלטן פאר אפגעשטאנענע קינדער. עלית הנוער פארמאגט פינף אזעלכע אנשטאלטן אין פארשידענע ערטער אין לאנד, ווו מען באנוצט זיך מיט די מאדערנסטע דערציונג־מעטאדעס. דער פרינציפ איז נישט צו האלטן די

קינדער אונטער שטרענגער אויפזיכט אויסערהאלב דעם נארמאלן לעבן, נאר להיפך, זיי לאזן געניסן א נארמאל לעבן אין א פאסיקער ראם. על פי רוב פאר־לאזן די קינדער די דאזיקע אנשטאלטן נאך א קורצער אדער לענגערער צייט און שליסן זיך ווידער ביי זייערע נארמאלע חברים.

חוץ אפגעשטאנענע, נעמען מיר אויך אויף קראנקע קינדער, אזעלכע וועלכע ליידן פון א פיזישער אינוואלידיטעט, אזויווי א פארקריפלטער גליד, אלגעמיינע שוואכקייט, כראנישע קראנקהייטן, א. א. וו. די קראנקע קינדער באקומען תיכף די מעדיצינישע פלעגע וואס זיי באדארפן; אויב ס׳איז נויטיק, ווערן זיי געשיקט צו ספעציאליסטן אדער אין שפיטעלער. די קינדער וועלכע ליידן אין א שטענ־דיקער פיזישער אומפעיקייט, לערנען א פאך וואס וועט זיי שפעטער דערמעג־לעכן צו פארדינען זייער חיונה. די דאזיקע קינדער ווערן געשיקט אין א ספע־ציעלן אנשטאלט, ווו זיי ווערן באהאנדלט דורך א ספעציאליזירטן פערזאנאל. נאך א באאבאכטונג־תקופה פון עטלעכע וואכן, באשליסט מען אין וועלכן צווייג זיי זענען פעיק צו ארבעטן און מען לערנט זיי אויס א פאסיק פאך פאר זייערע פיזישע מעגלעכקייטן. עלית־הנוער פארמאגט אין ישראל צוויי אנשטאלטן פון דעם סארט.

אבער לאמיר זיך אומקערן צו די נארמאלע קינדער. רמת־הדסה קען אויפנע־מען בסך הכל 350 קינדער. מיר נעמען אויף, על פי רוב, קינדער פון 12 ביז 14 יאר. איידער זיי פארלאזן אונז, ווערן זיי קלאסירט אין גרופעס פון 20 קינ־דער בערך, וועלכע ווערן געשיקט אין די קיבוצים, ווו א פראפעסיאנעלער דער־ציער נעמט זיי אויף. אין קיבוץ ארבעטן די קינדער 4 שעה א טאג, די אנדערע העלפט פון טאג ווידמען זיי פאר לימודים. א שליח פון עלית הנוער באזוכט זיי אפטמאל און לייגט אכט אויף זייער אנטוויקלונג. ער באקענט זיך אויך מיט די ספעציעלע פראבלעמען פון יעדער גרופע און ער באמיט זיך צו געפינען פאר זיי א באפרידנדיקע לייזונג.

— מיר ווייסן אז איר נעמט אויף קינדער פון צאלרייכע לענדער און פון פאר־שידענע קרייזן. צווישן אנדערע, שטאמען א סך קינדער וואס קומען צו אייך, פון רעליגיעזע קרייזן. צי ברענגט זייער זיין אין רמת־הדסה ספעציעלע פראבלע־מען מיט זיך?

— איר קענט זיין זיכער אז מיר רעספעקטירן די רעליגיעזע געפילן פון די קינדער. די וועלכע קומען פון אזעלכע קרייזן און וועמענס עלטערן זע־נען פאראינטערעסירט זיי זאלן דערצויגן ווערן אין גייסט פון דער טראדיציע, געבן מיר באזונדערע אויפמערקזאמקייט. מיר האבן דא רעליגיעזע דערציער און לערער און אויך א שולע, אונזער קיך איז כשר און אלע טראדיציאנעלע ימים־טובים ווערן אפגעהיט אין רמת־הדסה. די קינדער וואס איר זעט דארט, בויען אויף א סוכה לכבוד דעם יום־טוב סוכות. אונזערע רעליגיעזע אינסטרוק־טארן באשעפטיקן זיך מיט די פרומע קינדער באלד ביי זייער אנקומען און זע־נען פאראנטווארטלעך אז זיי זאלן אפהיטן די מצוות פון דער תורה. ניין, די

אין דער ווארשטאט אין עלית־
הנוער־צענטער פאר דארפישער
צוגרייטונג "נעורים".



קינדער אין כפר הנוער הדתי לערנען אונטערן פרייעם הימל

אין עס־צימער אין כפר הנוער הדתי

רעליגיעזע קינדער פארשאפן אונז ניט קיין ספעציעלע שוועריקייטן. בעת זיי פארלאזן רמת־הדסה גרופירן מיר זיי און שיקן זיי צוזאמען אין כפר הנוער הדתי (א דארף פאר רעליגיעזע קינדער), ווו זייער רעליגיעזע דערציונג ווערט פאר־געזעצט.

— אין משך פון די לעצטע צוויי יאר זענען ביי אייך אנגעקומען א באשטימ־טע צאל מאראקאנישע קינדער. איר קענט אונז זאגן א פאר ווערטער וועגן דער דערפארונג וואס איר האט געהאט מיט זיי?

— מיר האבן באמערקט אז ס'איז פאראן א גרויסער אונטערשיד צווישן די קינדער וואס קומען אן דירעקט פון מאראקא און די יעניקע וועלכע שטאמען פון מאראקא, אבער זענען א געוויסע צייט געווען אין עלית הנוער אין פראנקרייך. הגם זייער זיין אין פראנקרייך איז געווען קורץ (3־2 חדשים), זענען זיי א סך לייכטערע עלעמענטן. אין פראנקרייך האט זיך אנגעהויבן זייער דערציונג און זיי פאסן זיך אריין שנעל און אן שוועריקייט אין דער ראם פון אונזער אנשטאלט. זייער געזונדהייט־צושטאנד איז א בעסערער און זיי האבן זיך שוין צוגעוווינט צו אן עלעמענטארער היגיענע.

די קינדער וועלכע קומען דירעקט פון מאראקא זענען על פי רוב אומדיס־ציפלינירט און אפטמאל איז עס אוממעגלעך זיי צו אינקאדרירן אינעם טאג־טעגלעכן פראגראם. די דאזיקע קינדער שטאמען בדרך כלל פון נויט־באדערפ־טיקע שיכטן. אינדערהיים פלעגט מען זיי איבערלאזן אויף דער גאס אן קיין שום השגחה, און שעדלעכע השפעות האבן אויף זיי געווירקט. דער גרעסטער טייל פון זיי האט ניט קיין שום בילדונג. חוצדעם זענען צווישן זיי פאראן א סך פאלן פון טראכאמע און קאפאומריינקייט. דער פראצענט פון גייסטיק־קראנקע איז זייער גרויס.

אין אנהויב איז עס אונז געווען זייער שווער אנצווווענדן ביי אונזערע נייע פענסיאנערן די עלעמענטארע כללים פון אונזער אינסטיטוציע. היות מיר בא־נוצן זיך ניט מיט קיין קערפערלעכער שטראף, האבן מיר געמוזט זוכן מיטלען וויאזוי צו איבערצייגן די קינדער. דאס איז ניט געווען לייכט. אבער היינט האבן מיר שוין א רייכע דערפארונג אין אונזערע באציונגען מיט מאראקאנישע קינ־דער און מיר ווייסן איצט וויאזוי זיי צו אריענטירן צו א מער דיסציפלינירטן לעבן. אזוי ווי מיר האבן איבערשטאנען די ערשטע שוועריקייטן און דער קאנ־טאקט באשטייט שוין, איז די אויפגאבע לייכטער. אין־דער־אמת'ן זענען די דאזיקע קינדער ניט ערגער ווי אנדערע. זיי קומען אבער צו אונז אן דערציונג און בילדונג און דאס פארשווערט אונזער אויפגאבע.

דער לייטער פון רמת־הדסה פארבעט אונז מיר זאלן מיט אים ארומשפאצירן אין זיין געביט. מיר באזוכן די וווין־צימערן, די שול־קלאסן, די שפיל־ און לייען־זאלן און דעם ספארט־פלאץ. אלץ איז ריין און ציכטיק. בשעת אונזער שפאציר אין רמת־הדסה אין דער לענג און אין דער ברייט, באגעגנען מיר גרופעס קינדער וואס לערנען און ארבעטן. זיי באגריסן אונז מיט א ברייטן

שמייכל און מיט א ווארעמען שלום. צום סוף באזוכן מיר דעם גרויסן עס־זאל. דער לייטער ווייזט אונז די אולטרא־מאדערנע קיך און מיר פארזוכן די מאכלים וואס מען האט אנגעגרייט. בשעת מיר שמועסן מיט אים, הערט מען קלינגען דעם גלאק וואס רופט די קינדער צום עסן. מיר זעצן זיך מיט זיי צום טיש און ריידן מיט אונזערע קליינע שכנים. מיר זענען איבעראשט און גליקלעך, זעענדיק אז זיי בענקען ניט נאך זייערע היימען. איז דען פאראן א בעסערער באווייז אז זיי זענען גליקלעך?

ש. די־נור

די ווערק פון עלית הנוער—הדסה אין ירושלימער קארידאר

גלײך אין אנהויב פון דער ארבעט איז געשטעלט געווארן די פראגע וועגן צוועק פון די דאזיקע ווערק. עס איז קלאר אז קודם־כל דארף מען ענטפערן אויף תכלית׳דיקע פראגעס וועגן דערמעגלעכן פאכלעכע צוגרייטונג, וואס זאל ברענגען די יוגנטלעכע זיי זאלן זיך אפזאגן פון דער טראדיציע פון סאציאלער שטיצע אדער אומפראדוקטיווער באשעפטיקונג. פון דאנען נעמט זיך די שותפות מיט "הדסה" — דער פראפעסיאנעלער צווייג. איר צוגאנג איז געווען ענלעך צום צוגאנג פון עלית הנוער: צוגרייטן די יינגלעך צו פראדוקטיוויטעט, זיי אויסלערנען א פאך און זיי געבן זעלבסטבאוווסטזיין און עקאנאמישע אומאפהענגיקייט. אזא יינגל וועט אויך קענען פארהעלפן זיין משפחה צו אן אנשטענדיקן קיום.

פון די ערטער וואס געפינען זיך אין דער סביבה פון ירושלים האט מען אויסגעקליבן דריי אלס טעטיקייט־געביט: קסטל (א ישוב), תלפיות (א מעברה) און קרית יובל (א שטאט־קווארטאל). אין יעדן איינעם פון די דאזיקע ערטער זענען פאראן פארשידענע פראבלעמען, אבער דאס געמיינזאמע אין זיי — זיי זענען אלע עולים־ישובים.

קסטל (מעוז ציון) איז א ישוב פון עולים וואס שטאמען פון קורדיסטאן, פערסיע, און מאראקא. דער דאזיקער באפעלקערונג איז נישט געלונגען קיין גוטע פונאנדערשמעלצונג. א טייל פון די איינוווינער זענען זייער פלייסיק, אבער אפגעשטאנען אין זייער בילדונג־ניווא. א צווייטער טייל שטרעבט צו לייכטע און ניט סטאבילע פרנסות. דער ניווא פונעם דארף איז זייער א נידעריקער; די צאל דערוואקסענע אנאלפאבעטן איז גרויס; אויך די צאל אפגעשטאנענע קינדער איז בולט.

פון וווין־ און באשעפטיקונג־שטאנדפונקט, זענען די באדינגונגען גאנץ גוטע. דאס פרנסה־פראבלעם איז דארט ניט פאראן. די אפגעשטאנענע טראדיציעס, אבערגלויבן, מאנגל אין בירגערלעכן באוווסטזיין, מאנגל אין ווילן צו דערפילן די פליכטן (שטייערן, וואסער־ און רייניקייט־אפצאלן) — דאס אלץ שטערט די אנטוויקלונג פונעם דארף. די גרינדונג פון א יוגנט־צענטער אין דעם דארף קאן ברענגען א וויכטיקע ביישטייערונג צו דער פאמעלכער פארבעסערונג פון דאזיקן מצב.

דער צענטער געפינט זיך אין צוויי שיינע ווארשטאט־באראקן און אין איין

באראק איז א גרויסער קלוב. די אלגעמיינע מלאכה־צווייגן זענען הויז־ און ווירטשאפט־רעפאראטורן, נייערײ, וועבערײ, אביסל לאנדווירטשאפט, בלומען און גרינצייג־פלעגע. אין משך פון דער צייט האבן מיר בדעה צו אנטוויקלען דארט פלעגע פאר פרוכט־בוימער.

דער צענטער פאסט גוט אריין אין דער ארבעט פון דער שולע. צווישן ביידע דערציערישע קערפערשאפטן הערשט קאאפעראציע און פארשטענדעניש. לערך 40 מיידלעך און אן ענלעכע צאל יינגלעך באזוכן דעם צענטער. די דערציערישע פראבלעמען וואס שטייען אויפן סדר־היום זענען ערנסטע. די היים איז א הינטערגרונט פול מיט ווידערשטאנד צו די ווערטן צו וועלכע אונזער דערציונג איז געווענדעט. דער פאטריארכאלער רעזשים, די הערשאפט פונעם פאטער און פונעם עלטסטן ברודער, די אונטערדריקונג פון דער פרוי און טאכטער, פיזישער כוח און צוואנג כלפי דעם צווייטן אנצונעמען א געוויסע מיינונג, שטרענגקייט געמישט מיט אבערגלויבן — דאס אלץ שטייט אין א שארפן קעגנזאץ צו יענער וועלט פון ווערטן, אויף וועלכער דער אינסטרוקטאר באמיט זיך אויפצובויען זיין דערציונג. די ארבעט פונעם דערציער מוז אנגיין פאמעלעך און פארזיכטיק, כדי די פאמיליע פונעם תלמיד זאל זיך קעגן אים ניט רעוואלטירן. יעדע טעטיקייט פארן פארשריט פון א טאכטער מוז אומבאדינגט דערפירן צו איר רעוואלט קעגן דער שקלאפערײ וואס זי לײדט אינדערהיים. דעריבער האבן דער פאטער און די ברידער א פארדאכט און שטעלן זיך קעגן דעם חנוך. די טאכטער מוז חתונה־האבן יונגערהייט. דער לימוד פון א פאך און דאס דערווערבן בילדונג קאנען אין איר דערוועקן צו פיל זעלבשטענדיקייט. פון דאנען איז געדרונגען אז די ארבעט מוז געמאכט ווערן דורך דער היים און מיט איר הילף, און ביז איצט האבן מיר מצליח געווען צו האלטן גוטע באציונגען מיט דער משפחה, כאטש מיר וועלן ניט קאנען אויסמיידן שארפע קעגנזאצן אין צוקונפט.

די פראגע פון דערווערבן א פאך איז א קאמפליצירטע פראבלעם. צוליב דער השפעה פון זיין משפחה איז דאס יינגל ניט גרייט אויף זיך צו נעמען אן עול פון לימודים. על פי רוב איז ער מער פאראינטערעסירט אין א תיכף׳דיקער באשעפטיקונג, אפילו אויב ניט קיין פראפעסיאנעלע. מען באמיט זיך צו לייזן דאס פראבלעם דורך קורסן אין משך פון א קורצער לימודים־תקופה. מיר האבן דערעפנט א קורס פאר שטיינארבעט און מיר וועלן פארזעצן מיט א רייע פאכן; די לימודים וועלן דויערן 5־6 חדשים בערך. דער קורס פון שטיינארבעטן איז גאנץ גוט געלונגען און אין 5־6 חדשים ארום וועלן די יינגלעך קענען פארדינען זייער חיונה. מיר האבן אויך פלענער וועגן קורסן פאר בוי און שטיין, קאכלען, באלאטן, שוסטערײ, שניידערײ, א. א. וו.

לעת עתה קען מען נאך ניט פארויסזאגן אין וואס פארא מאס די יינגלעך וועלן קאנען פארזעצן אין די ווערק פון עלית הנוער נאך א געוויסער חנוך־צייט. עס הענגט א סך אפ פון אלגעמיינעם אויפשטייג פון דארפישן לעבן און אין בילדונגס־ניוואָ פון די יינגלעך גופא. עס הערשט ביי זיי א שטארקער ווילן

פארויסצוגיין; זיי לערנען מיט געדולד סיי אין די פאך־קורסן און סיי אין די אוונט־לעקציעס פאר ארבעטנדיקער יוגנט. ס׳איז מעגלעך אז אין קומענדיקן יאר וועט דאס בילד אויסזען קלארער און פאזיטיווער.

די מעברה אין תלפיות — דער מצב אין דער דאזיקער מעברה איז זייער א שווערער. אירע איינוווינער געהערן על פי רוב צו די סאציאלע פאלן פון דער שטאט. ניט דער מאנגל אין ארבעט דערשווערט זייער איינארדענען, נאר זייער אומפעיקייט זיך צוצופאסן. ס׳זענען פאראן צעשטערטע משפחות, אן א פאטער און אן א מוטער. די איינוווינער פון דער מעברה זענען שוין די איבערגעבליבענע נאך דער סעלעקציע, וואס דויערט שוין עטלעכע יאר. די געזונטע פון זיי זענען שוין אריבער אין שכונים, אין וווינערטער פאר עולים, א. א. וו. — און די וועלכע זענען נאך געבליבן, שטעלן מיט זיך פאר א שווער פראבלעם. דער באשלוס פון די אינסטאנצן צו ליקווידירן די מעברה וועט זיך נאך אנשטויסען אין א סך אביעקטיווע שוועריקייטן. די יוגנט איז, על פי רוב, פארלאזן און אן א ממשות׳דיקער שטיצע אין דער ווירקלעכקייט. דער גרעסטער טייל פון זיי פארנעמען זיך מיט מינדערווערטיקער באשעפטיקונג, אזויווי שליחות׳ן, געזעלן, שליחים־יינגלעך אין געשעפטן; מיידלעך ארבעטן אלס הויז־הילפן אין זייער שלעכטע באדינגונגען. דעריבער איז עס אומבאדינגט נויטיק צו האלטן דא א יוגנט־צענטער מיט פאכלעכע מעגלעכקייטן, א צענטער וואס זאל אנווייזן דעם יונגן דור צו פראדוקטיווע האריזאנטן.

דאס ארבעטס־יאר ביי דער יוגנט האט געהאט פאזיטיווע רעזולטאטן. די יינגלעך האבן דערוואַרבן פאזיטיווע ווערטן, זייער אויפפירונג האט זיך געענדערט, זייער אויפפאסונג איז אביסל אפטימיסטישער געווארן, און זייער באציונג צום לאנד האט באקומען אן ערנסטערן כאראקטער. אבער אויך דא מוז מען פארויסגיין פאמעלעך און פארזיכטיק, א געזונטע געזעלשאפט און א פאך־לימוד זענען, אן קיין שום ספק, די בעסטע כלים כדי צו ענדערן דעם מצב.

די צאל תלמידים איז 36 מיידלעך און 40 יינגלעך לערך. היות דער צוועק איז געווען צוצוציען צום ווערק אויך יוגנטלעכע אין די יארן אין וועלכע זיי זענען מער געניגעט צו דערציערישער השפעה, איז דער צענטער געעפנט געווארן פאר יינגלעך פון זעקסטן קלאס און ווייטער. אדאנק דעם געפינט זיך דאס יינגל אין א דערציערישער סביבה שוין ביי 12־13 יאר. די דערפארונג מיט יינגלעך פון 16־17 יאר איז געווען א שווערע. זיי ארבעטן ביי שליחות׳ן און פארשידענע אנדערע מינדערווערטיקע ארבעטן און מען קען פון זיי ניט פאדערן זיי זאלן מותר זיין אויף דער קליינער הכנסה וואס קומט אריין אין בודזשעט. טראצדעם וואס די יוגנטלעכע קאנען ניט פולשטענדיק צוגעגרייט ווערן אין די ווארשטאטן פון צענטער אין טישלעריי און נייעריי, דאך באקומען זיין דארט א צוגרייטונג אלס לערנייינגלעך. אין משך פון דער צייט האבן מיר געפונען ווארשטאטן וואס זענען גרייט צו באשעפטיקן די תלמידים אלס לערנייינגלעך פאר לוין, לויטן אנגענומענעם ארבעטס־געזעץ.

אויך אין דעם צענטער וועלן מיר בקרוב איינאָרדענען אַ ריי אינטענסיווע טרע־נירונגס־ווערק, אַזוויי מענער־שערעריי, קאַכ־אַרבעטן, אפשר אויך שטיין־ און באַלאַטן־אַרבעטן, וואָס וועלן דעם יינגל דערמעגלעכן אויסצולערנען אין אַ קור־צער צייט אַ זעלבשטענדיק פאַך.

די מיידלעך זענען ניט גרייט מותר צו זיין אויף אַרבעט אין ווירטשאַפטן אַלס הויז־הילפן; זיי שטרעבן חתונה־צו־האָבן און זייער באַשעפטיקונג אין דער ווירטשאַפט איז נאָר אַן איבערגאַנג־סטאַדיע צו דעם ציל.

מען מוז געדענקען אַז דער דור וואָס האָט ניט געזען קיין העברעיִשע שולע פאַר זיין לעבן גייט איצט אַראָפּ פון דער אַרענע; פון דעם שטאַנדפּונקט האָבן מיר דערגרייכט אַ גרויסן פאַרשריט. דער גרעסטער טייל יוגנט אין שול־עלטער באַזוכט שולעס. דאָס וועט אונז ברענגען צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין ניוואָ פון דער אָרטיקער יוגנט. בקרוב וועלן פאַרטיק ווערן צוויי באַראַקן פאַרן צענטער. דאָס אַרבעטס־יאָר אין שווערע באַדינגונגען זאָגט צו וויטערדיקן פאַרשריט.

ק ר י ת ־ י ו ב ל. — אין קעגנזאַץ צו די צוויי אויבן־דערמאָנטע אָרטער, איז די יוגנט אין דאָזיקן שטאָט־קוואַרטאַל איינגעאָרדנט, איר ניוואָ איז אַ העכערער, דער גרעסטער טייל באַזוכט שולעס אָדער האָט ביי פאַרענדיקן די לימודים. אַ סך פון זיי לערנען ווייטער אין פאַך־שולן, טעכנישע אָדער מיטלשולן. פון סאָצ־יאַלן שטאַנדפּונקט איז דער מצב אַ נאָרמאַלער. די וווין־באַדינגונגען, די שיינע און ריינע אומגעבונג, און אויך דער צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג רופן ניט אַרויס קיין פּראָבלעם וואָס פאָדערט לייזונגען דורך נויטשטאַנד־פאַקטאָרן. אונזער צוגאַנג צו דעם אָרט איז געווען אַ צוגאַב און ניט קיין נויטקייט. די צאָל תלמידים איז 80 לערך. די פּראָפעסיאָנעלע באַשעפטיקונג איז אַ געזונטע דערציִונג־מעטאָדע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרברייטערן די טעטיקייט פונעם יוגנט־צענטער אויפן נאָענטן עולים־ישוב, מנחת. מיר פּלאַנירן אַרומצו־נעמען אין משך פונעם קומענדיקן יאָר אַ וואָס גרעסערע צאָל יינגלעך און מייד־לעך פון מנחת לויט די טעטיקייט־שטריכן אין מעוז־ציון (קסטל).

די גרינדונג פון ספּעציעלע ווערק אין ירושלימער קאָרידאָר איז אַ המשך פון דער טעטיקייט, וואָס פאַרשידענע פאַקטאָרן האָבן אָנגעהויבן, נעמענדיק אין באַטראַכט די ווירקלעכקייט אין דער צווייטער ישראל.

די דאָזיקע באַזונדערע אַרבעט מוז איינגעפלאַכטן ווערן אין דער ברייטער ראַם פון אונזערע ספּעציעלע טעטיקייטן. מען דאַרף געפינען געמיינזאַמע כלים פאַר אַלע ווערק און לייזן דאָס פּראָבלעם פון דער פּראָפעסיאָנעל־אויסגעבילדעטער יוגנט. די פאַנערשמעלצונג פון אַרבעט, באַשעפטיקונג און לוין איז אַ זייער געלונ־גענע. די מעגלעכקייט צו געבן שטיצע דער משפחה פונעם יינגל אָדער מיידל, דערוועקט אין זיי דעם ווילן צו אַרבעטן און פאַרדינען. די שטרעבונג אויס־צולערנען אַ פאַך איז גרויס. איך וויל נאָך דערמאָנען די באַטייליקונג פון "הדסה" (פאַך־צווייג) אין אַלע אונזערע פּלענער. "הדסה" האָט אונז געגעבן איר גאַנצע הילף, וואָס איז געווען אַ וויכטיקע ביישטייערונג פאַר אונזער אַרבעט.

~~אפרים גפני~~

יוגנט־צענטערן אין ב~~אצירק~~ לכיש

א. די צוגרייטונגען פאר דער גרינדונג פון ערשטן יוגנט־צענטער, וועלכער וועט בקרוב דערעפנט ווערן אין דארפישן צענטער נוגה ווערן איצט פארענדיקט. דער צענטער וועלכער וועט דינען פאר יוגנט אין 4 ישובים, עוצם — שחר — נוגה און שדה־דוד, האט א לאנדווירטשאפטלעכע טענדענץ. זיין ציל איז צוצוגרייטן די יוגנטלעכע פאר ארבעט אין אלע לאנדווירטשאפטלעכע צווייגן, וואס זענען כאראקטעריסטיש פאר דעם געביט. אין צענטער וועט יעדער יוגנטלעכער זיך אויסלערנען וויאזוי צו פלעגן זיין פריוואטע ווירטשאפט אין מושב.

דער פראגראם פון די דאזיקע צענטערן איז געמאכט כדי צו פארזיכערן אז די תלמידים וועלן פארבלייבן ביי לאנדווירטשאפט און זיי אויסבילדן אויפן פאכלעכן געביט און פון דער אנדערער זייט זיי ארויסרייסן פון גייסטיקער דע־מאראליזאציע, אין וועלכער זיי קענען אריינפאלן צוליבן מאנגל אין אן אנדע־רער דערציערישער ראם. א צווייטער וויכטיקער פאקטאר איז דער לוין, וואס זיי וועלן באקומען פאר זייער ארבעט אין יוגנט־צענטער, לערך 40—50 פונט א חודש, וועלכע באדייטן אן ערנסטע שטיצע פאר דער אויסהאלטונג פון דער משפחה.

ב. באציונג צו די עלטערן. היות מי ווייסן, אז עס זענען פאראן עלטערן וועלכע זענען ניט מסכים צו שיקן זייערע זין אין געשלאסענע אנ־שטאלטן, צוליב א סך סיבות, און אויך דערפאר ווייל ס'איז אנטשטאנען א תהום צווישן דעם צעשיידטן יוגנטלעכן פון זיין היים, וואס ווערט דער־צויגן אין א גאר אנדערער אטמאספער, און צווישן זיין משפחה, — א פאקט וועלכער איז זיכער נעגאטיוו — איז באשלאסן געווארן אויפצושטעלן די יוגנט־צענטערן אין שכנות פון וווין־ארט פון די עלטערן. אזוי ארום וועט דער יוגנט־לעכער זיך געפינען אין צענטער פון פרי ביז אוונט און נאכדעם וועט ער קענען זיין מיט זיין משפחה. מען מוז באצייכענען, אז טראץ דעם בפירוש'דיקן באדינג, וועלכער איז גוט באקאנט די עלטערן און כאטש זיי קענען זען אלץ וואס קומט פאר מיט זייערע קינדער, כאטש־אזוי זענען נאך פאראן א סך ספקות צו שיקן די יינגלעך אין צענטער. איינע פון די סיבות — די עלטערן האבן מורא אז זייערע קינדער זאלן זיך ניט שמד'ן. א צווייטע סיבה — די עלטערן ווילן אז דער זון זאל ארבעטן א גאנצן טאג, כדי זיי זאלן האבן זיין גאנצן לוין. אבער

אדאנק דער טעטיקייט פון אונזערע אינסטרוקטארן אין די קאלאניעס, זענען א סך עלטערן שוין מסכים צו שיקן זייערע זין, מיט א געוויסער רעזערווע לגבי די מיידלעך.

ג. דער פראגראם פון יוגנט־צענטער. — דער יוגנטלעכער וועט זיך געפינען אין דער דערציערישער ראם פון צענטער אין משך פון טאג און אין אוונט וועט ער זיך אומקערן אהיים. דער פראגראם ווערט צעטיילט אין:

(1) ארבעט:— א האלבן טאג אין די פארשידענע לאנדווירטשאפטלעכע צווייגן און הילף אין די שכנות׳דיקע קאלאניעס.

(2) פאכלעכע לימודים:— דער פראגראם א׳ וואס הייסט ״הויז־ווירט־שאפט״ וועט איבערגעגעבן ווערן דורך די אינסטרוקטארן פון ארבעטס־מיניס־טעריום און וועט ארומנעמען האלץ־ און מעטאל־ארבעטן; דער יוגנטלעכער וועט קענען דורכפירן אלע קליינע ארבעטן און רעפאראטורן אין זיין הויז, אזוי־ווי בויען א הינער־שטייג, פארריכטן רוירן, א. א. וו.

(3) לאנדווירטשאפטלעכע לימודים:— דער פראגראם נעמט ארום טעארעטישן און פראקטישן לאנדווירטשאפטלעכן לימוד. פארן פראקטישן טייל וועט אויפגעשטעלט ווערן א זעלבשטענדיקע מוסטער־ווירטשאפט, וואס וועט אנגעפירט ווערן דורך אן אינסטרוקטאר פון לאנדווירטשאפט־מיניסטער־יום.

(4) אלגעמיינע לימודים:— דא האנדלט זיך וועגן אלגעמיינער עלע־מענטארער בילדונג, וואס וועט געגעבן ווערן דורך לערער פון דערציונג־מיניס־טעריום.

(5) געזעלשאפטלעכע טעטיקיטן: — עס וועלן ארגאניזירט ווערן פארשידענע געזעלשאפטלעכע טעטיקייטן און מיר וועלן זיך באמיען אז אין א קורצער צייט ארום זאלן די תלמידים דערפילן אלע אויפגאבעס אין צענטער ווי אויך אין דער ראם פון זייער מושב. עס וועלן ארגאניזירט ווערן אויספלוגן כדי זיי צו באקענען מיטן לאנד, ספארט־טעטיקייטן (דורך גדנ״ע) א.א.וו.

ד. צוגרייטונג־טעטיקייטן.— ביז איצט זענען אריינגעקומען דריי אינסטרוקטארן אין די מושבים גופא, כדי צו פירן טעטיקייטן אין די קלובן אין יעדן מושב, ביז דער בוי פון יוגנט־צענטער וועט פארטיק ווערן. אין צוויי מושבים האט מען אפילו אנגעהויבן באשעפטיקן די ייִנגלעך א האלבן טאג פאר לוין; זיי פירן דורך ארבעטן אין וועלדל, גראז, גארטנס, ספארט־פלעצער, און דאסגלייכן.ביים סוף פון ערשטן חודש פון אונזערע טעטיקייטן, האבן מיר ארגא־ניזירט אן אויספלוג, כדי די יוגנטלעכע זאלן זיך באקענען מיטן באצירק לכיש און זיין אומגעגנט. איך מוז מיט צופרידנקייט פעסטשטעלן, אז אין דעם אויס־פלוג זענען די רעזולטאטן פון אונזער ארבעט באמערקט געווארן אויף א בולט׳ן אופן. די יוגנטלעכע וועלכע געפינען זיך נאר עטלעכע וואכן אין לאנד, האבן געזונגען העברעישע לידער, הגם זיי באהערשן נאך ניט גאנץ גוט די שפראך.

אזוי ווי די צוגרייטונגען פאר דער דערעפנונג פון ערשטן יוגנט־צענטער אין



קינדער פון עלית הנוער אין קיבוץ פארנעמען זיך מיט לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט



קינדער לערנען ארבעטן מיט מאדערנע מאשינען



יוגנט — ביי פעלד־ארבעט



א לאנדווירטשאפט־צווייג אין אן אנשטאלט פון עלית הנוער

מיידלעך זאמלען די תבואה פון פעלד

זיין חלום ווערט פארווירקלעכט : ער אליין וועט בקרוב שאפירן דעם טראקטאר



ספארט־אויפטריט אין איינעם פון די זומער־לאגערן פון עלית הנוער

באצירק לכיש זענען פארענדיקט געווארן, האבן מיר אנגעהויבן צוגרייטן די דערעפנונג פון א צווייטן צענטער, און אין עטלעכע חדשים ארום, אפילו פון א דריטן צענטער. דער דאזיקער ענין וועט ענדגילטיק רעזומירט ווערן דורך דער געמיינזאמער אינסטאנץ פאר יוגנט ענינים.

מיר האפן אז די דאזיקע יוגנט־צענטערן און דער פראגראם, וואס איז ספע־ציעל צוגעפאסט געווארן צו די באדערפענישן פון דעם באצירק, וועלן דערציען און צוגרייטן די צוקונפטיקע בירגער אין לכיש־באצירק, זיי זאלן זיין גוטע קא־לאניזאטארן.

ראובן גולן

יוגנט־צענטערן אין די עולים־ישובים

טענדענצען און ערשטע עקספערימענטן

אין לעצטן יאר זענען געגרינדערט געווארן, דורך די צוויי אפטיילונגען פון דער יידישער אגענץ, עלית הנוער און אויפנעם־אפטייל, און אין צוזאמענארבעט מיט פארשידענע רעגירונגס־פאקטארן, — יוגנט־צענטערן נעבן די לאגערן פון נייע עולים.

דער פאקט אז טויזנטער יוגנטלעכע געפינען זיך אין די עולים־לא־גערן אן קיין שום באשעפטיקונג און דערציונג, האט געבראכט די אינסטיטו־ציעס דערצו זיי זאלן זוכן א וועג צו דער יוגנט און זען צו פארזיכערן א פא־סיקע דערציונג פארן יונגן דור וואס וואקסט אויף אין לאנד.

דאס פראבלעם איז באזונדערס שווער לגבי דער יוגנט אין עלטער פון 17—14 יאר, וועלכע האט געליטן און ליידט נאך איצט פון שווערן אויפנעם־פראצעס פון די עלטערן, וועלכע זענען אין די יארן בלויז אין א פראוויזארישן דורכ־גאנג־מצב: אנגעהויבן פון זייער פארלאזן דעם גלות, דורך די פארשידענע טראנזיט־לאגערן און בעת זייער אנקומען אין לאנד — ווערן זיי געשיקט אין די מעברות. אין משך פון דער תקופה באקומען די יינגלעך ניט קיין נארמאלע דערציונג אין שולע, און דער פאקט לאזט איבער טרויריקע שפורן ביי א סך פון די אויפוואקסנדיקע יוגנטלעכע. א גרויסער טייל פון די יוגנטלעכע האבן באזוכט בלויז 4 קלאסן און אויך פון אלגעמיינעם דערציערישן שטאנדפונקט האבן זיי נישט דערגרייכט אזא מדרגה זיי זאלן זיך קענען איינווארצלען אין לעבן פון לאנד. עס איז געווען אומבאדינגט נויטיק צו טאן עפעס דווקא פאר דער יוגנט אין דעם עלטער.

א. אויסגאנג־פונקט פארן געדאנק פון יוגנט־צענטערן

(1) די אנגענומענע ראם פון עלית הנוער, וועלכע איז דער וויכטיקסטער פאקטאר אין דער דערציונג פון עולים־יוגנט אין לאנד, איז אויפגעבויט אויפן פרינציפ פון יוגנט־הכשרה אין א סביבה פון ארבעט און קאלאניזאציע, סיי אין קיבוץ, סיי אין אנשטאלט און סיי אין א לאנדווירטשאפטלעכער שולע. אין די לעצטע יארן זענען פארבליבן אין די מעברות און אין עולים־ווינן־קווארטאלן א סך יינגלעך און מיידלעך וועלכע האבן זיך ניט אנגעשלאסן דער דאזיקער ראם; די סיבות דערצו זענען: די אויפוואקסנדיקע יוגנט איז א פרנסה־געבנ־דיקער עלעמענט אין דער משפחה, אפילו ווען זי איז ניט באשעפטיקט אין

א סטאבילער ארבעט; חוצדעם, איז די משפחה פון די מזרח־עדות געוווינט צו האלטן אירע קינדער, און ספעציעל די מיידלעך, אינדערהיים; אפילו ווען די "היים" איז א קליינער און שמאלער באראק.

דער איבערגאנג פון מעברה־לעבן צום לעבן אין קיבוץ און אין אנשטאלט איז ניט קיין לייכטער פאר דער יוגנט און אוודאי ניט פאר די עלטערן. פון דער אנדערער זייט טארן מיר ניט איבערלאזן די אויפוואקסנדיקע יוגנט ביי די עלטערן אן א דערציערישער ראם. דעריבער מוז מען די דערציונג־דינסטן ארייננברענגען אין די עולים־ערטער. דאס הייסט, די יוגנט בלייבט נעבן דער משפחה און באקומט איר דערציונג אין דער ראם פון יוגנט־צענטער. דער דאזיקער וועג ברענגט מיט זיך אויך, אן ספק, נייע פראבלעמען אין צוזאמענהאנג מיט דער באציונג צווישן קינד און זיינע עלטערן.

(2) די באניייונג פון דער עליה האט געבראכט מיט זיך אן ענדערונג אין דער אויפנאמע פון די עולים־משפחות אין לאנד. אויב מיט פינף יאר צוריק זענען די עולים געשיקט געווארן אין די מעברות — א הפקר־שטח פון געזעלשאפטלעכן און עקאנאמישן שטאנדפונקט — ווערן איצט געמאכט אלע באמיונגען זיי צו שיקן אין א סטאבילן קאלאניזאציע־פלאץ. הונדערטער משפחות זענען איינגעארדנט געווארן אין עולים־קאלאניעס און אין קאלאניזאציע־געביטן, וואס אנטוויקלען זיך גלייכצייטיק מיט דער פארגרעסערונג פון דער עליה. די אויפנעם־אינסטיטוציעס האבן פלאנירט די קאלאניזאציע פון לאנדווירטשאפטלעכן, ווירטשאפטלעכן און געזעלשאפטלעכן שטאנדפונקט און גלייכצייטיק דערמיט זענען זיי באזארגט אויפצושטעלן א דארפס־געביט פאר עטלעכע קאלאניעס, וועלכער זאל אנטהאלטן פארשידענע דינסטן, אזוי ווי: א טראקטארן־סטאציע, א קאאפעראטיוו שפייז־געשעפט, א שולע, א סאניטארן צענטער און א יוגנט־צענטער. ס׳איז טאקע נויטיק און בארעכטיקט ארויסצוגעמען די יוגנט פון די מעברות און זי פירן אין לאנדווירטשאפטלעכע געביטן, אזוי ווי איך האב פריער דערמאנט, א זאך וואס איז ניט תמיד מעגלעך דורכצופירן — ס׳איז אבער אומבאדינגט נויטיק אז די יוגנט אין דער קאלאניזאציע זאל פארבלייבן אין איר לאנדווירטשאפטלעכן געביט און זאל דערציגן ווערן אויפן ארט, אין געביטן אזוי ווי לכיש, מבטחים און תענך. דא קומט צו, אויסער דעם משפחה־פ[illegible]קטאר, דער פאקטאר פון אלגעמיינער קאלאניזאציע־פלאנירונג, וואס פארלאנגט די צעשפרייטונג פון דער באפעלקערונג איבערן גאנצן לאנד און די זארג אז די זין זאלן פארבלייבן אין די היימען פון זייערע עלטערן.

מען מוז באמערקן נאך א פונקט: אויסער אין די קאלאניעס, ווערן די עולים געשיקט אין די אנטוויקלונגס־געביטן און אין די נייע שטעט אין נגב און גליל. פונקט ווי די עלטערן, מוז אויך די יוגנט זען איר צוקונפט און געפינען איר פרנסה אין די דאזיקע געביטן. די דערציונג פון דער יוגנט און איר צוגרייטונג פארן לעבן, מוזן זיין צוגעפאסט צו די פארשידענע באדערפענישן פון די ראיאנען, אויב עס איז אן אינדוסטריעל געביט אדער א לאנדווירטשאפטלעך גע־

ביט, אדער עס איז פאסיק פאר ציטרוס־פלאנטאציעס, לאנדווירטשאפטלעכע פארמעס, א. א. וו.

די יוגנט־צענטערן דארפן זיין אן אינטעגראלער טייל אין דעם גאנצן פראצעס. אדאנק דעם וועלן מיר צוגרייטן יונגע בעלי־מלאכות אין די עולים־שטעט און אין די אינדוסטריע־געביטן, און לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אין די געביטן פון קיבוצים אדער אין פריוואטע לאנדווירטשאפטלעכע ווירטשאפטן. וויכטיק איז אז די יוגנט זאל באקומען גלייכצייטיק מיט דער ארבעט אויך איר דערציונג, כדי דער יוגנטלעכער זאל זיין א גוטער בירגער און צוגעבונדן צו זיין ווין־ארט. אויב דאס לעבן אין די דאזיקע ערטער איז נאך אלץ באאיינפלוסט פון גלות׳דיקע מנהגים, מוזן מיר דערנענטערן דעם נייעם דור צום ישראל׳דיקן לעבן, וואס באזירט זיך אויף קולטור־ און מאראל־באגריפן.

דאס זענען די דריי הויפט־סיבות וואס פארפליכטן די נאציאנאלע אינסטיטוציעס צו גרינדן יוגנט־צענטערן, סיי נעבן די מעברות און סיי אין די קאלאניזאציע און אנטוויקלונגס־געביטן.

ב. דער אינערלעכער בוי פון די יוגנט־צענטערן

דער יוגנט־צענטער איז בעיקר באשטימט פאר יוגנט פון 15 ביז 18 יאר (מיטעלער־עלטער). דער צענטער קומט ניט אויפן ארט פון דער שולע, וואס זארגט פאר יוגנט ביז 14 יאר. דא מוז מען גוט אונטערשיידן צווישן די פראבלעמען וואס זענען פאראן לגבי יוגנט אין די שול־יארן און צווישן יוגנט וואס איז שוין אריבער די שול־עלטער.

די אויפגאבע פון צענטער איז צוצוגרייטן די יוגנט, זי זאל זיין א פאזיטיווער און פראדוקטיווער עלעמענט אינעם ישוב. דאס באדייט, אז דער יוגנט־צענטער מוז זיין אן אינטעגראלע אינסטיטוציע און מוז אנטהאלטן אלע אפטיילונגען וואס זענען נויטיק פאר יוגנט אין די יארן, ד.ה. באשעפטיקונג, פאכלעכע צוגרייטונג, לימודים און דערציונג.

(1) באשעפטיקונג

מיר נעמען אן אז דאס יינגל מוז אין א געוויסער מאס זיך אויסהאלטן אליין און אפילו העלפן זיינע עלטערן. די באשעפטיקונג מוז דעריבער זיין א פראדוקטיווע. אלס פאר־באדינג פאר דער גרינדונג פון א יוגנט־צענטער, מוז מען געפינען א זעלבשטענדיקן ווירטשאפטלעכן פאקטאר, וועלכער זאל זיין גרייט דעם יוגנטלעכן צו פארשאפן ארבעט. צווישן די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס האבן מיר געפונען פאקטארן אזוי ווי ״מטעי האומה״ (פאלקס־פלאנטאציעס) אין חולדה, אן עקספערימענטן־סטאציע פון לאנדווירטשאפטלעכן מיניסטעריום אין בית דגון, א ווארשטאט פון ״דיור לעולה״ (ווינונג פארן עולה) אין פרדסיה, וועלכע צאלן דעם יוגנטלעכן לוין פאר זיין ארבעט, און דאס איז שטארק משפיע אויף דער ארבעט גופא. אמת, די דאזיקע אינסטאנצן באקומען אויף אן אינ־

דירעקטן אופן, סובסידיעס פון ארבעטס־מיניסטעריום. נעבן די יוגנטלעכע זע־נען פאראן דערוואקסענע ארבעטער און אויך אינסטרוקטארן, כדי צו דערציען די יוגנט צו פראדוקטיוויטעט, פינקטלעכקייט אין ארבעט, און דערוועקן אין זיי דעם רצון פארויסצוגיין. דער יוגנטלעכער באקומט פאר 4 ארבעטס־שעה — 2 פונט. פון דעם נעמט מען אראפ פאר שפייז און רייזע־הוצאות — 0,500 פונט.

די באשעפטיקונג מוז זיין אנטשפרעכנד צום אלגעמיינעם דערציערישן ציל; אין א לאנדווירטשאפטלעכן געביט — לאנדווירטשאפטלעכע באשעפטיקונג און אין אן אינדוסטריעלן געביט — באשעפטיקונג אין די מלאכה־צווייגן.

אמת, די יינגלעך איז שווער זיך צוצוגעוווינען תיכף צו אן ארבעטס־רעזשים, און דעריבער מוזן מיר זען אז תמיד זאלן זיך געפינען אינסטרוקטארן נעבן זיי ביי דער ארבעט.

צווישן די יוגנט־צענטערן זענען פאראן אזעלכע אין וועלכע דאס פראבלעם פון באשעפטיקונג איז ניט געליזט געווארן אויף דעם זעלבן אופן. אבער, אן קיין שום ספק, וועלן אויך זיי אננעמען אין משך פון דער צייט דעם סיסטעם, היות פון עקאנאמישן שטאנדפונקט קען מען דעם יוגנטלעכן ניט באזארגן מיט באשעפטיקונג אויף אן אנדערן אופן. פארשטייט זיך, אז דער מצב איז אן אנ־דערער לגבי די ווערק אין וועלכע עס ווערן דערצויגן יוגנטלעכע אין א יונגערן עלטער.

(2) פאך־חינוך

דער פאך־חינוך איז זייער פארשפרייט געווארן אין לאנד און מיר מוזן זען וויאזוי אים איינצוגלידערן אין דער ראם פון יוגנט־צענטער. לויט מיין מיינונג זענען פאראן צוויי אופנים פון פאך־חינוך פאר יינגלעך:

(א) א יינגל פון א לאנדווירטשאפטלעכן געביט, וועמענס צוקונפט הענגט אפ אין פראדוקטיווער ארבעט אין לאנדווירטשאפט, מוז אויסלערנען די גרונט־באגריפן פון מלאכה אין א לאנדווירטשאפטלעכער פארמע. דאס יינגל לערנט אין אונזער ראם 10 שעה א וואך וויאזוי צו פלעגן דעם הויף אין זיין ווירטשאפט אדאנק פארשידענע האלץ־און אייזן־רעפאראטורן, ווי אויך די גרונט־באגריפן אין אינסטאלאציע, און דאסגלייכן. דער ארבעטס־מיניסטעריום גרייט צו א פא־סיקן פאך־לימודים־פראגראם. דער יוגנטלעכער דערוועבט ניט קיין האנט־ווערק אין דער דאזיקער ראם, אבער מיר אנטוויקלען זיין פעיקייט זיך צו פאר־נעמען מיט מאדערנער לאנדווירטשאפט און ניט זיין אפהענגיק אין זיין ווירט־שאפט און הויז. דער דאזיקער סיסטעם פון פאך־חינוך איז איינגעפירט געווארן אין אלע יוגנט־צענטערן, וועלכע זענען פארבונדן מיט לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט.

(ב) א פאך־חינוך אין פולסטן זין פונעם ווארט, קען נאר געגעבן ווערן אין די צענטערן, וועלכע זענען פארבונדן מיט מלאכה־באשעפטיקונג. דעריבער מוז מען צוגעבן פאר פאך־לימודים ביז 20 שעה א וואך, אפילו אויפן חשבון פון די

אלגעמיינע לימודים אדער אלס צוגאב צו דעם נארמאלן וועכנטלעכן פראגראם (ווי למשל — אין פרדסיה). אין דעם פאל, קען דער יוגנטלעכער, נאך א צוגריי־טונג פון א יאר אדער אנדערהאלבן אין מלאכה (טישלעריי און שלאסעריי), דערגיין צו אזא מדרגה וואס זאל אים דערמעגלעכן אריינצוקומען אין די אר־בעטס־פלעצער אין דעם געביט.

(ג) אין די צענטערן ווערט אויך געגעבן א פאר־פאכלעכע אויסבילדונג. כאטש די דאזיקע שיטה איז זייער פאסיק פאר שול־קינדער (פאכלעכע קלובן), איז זי ניט פאסיק פאר יוגנט פון 18—15 יאר. מיר טארן ניט באשעפטיקן אן אויפ־וואקסנדיקן יוגנטלעכן מיט פארשידענע "ארבעטן" וועלכע ברענגען אים ניט פארויס אין לעבן. אין אנהויב פון אונזער טעטיקייט האבן מיר ניט געווּסט געווּסט וואס מיר דארפן געבן דער יוגנט. ערשט נאך א געוויסער דערפארונג, איז אונז געלונגען, אין צוזאמענארבעט מיט פארשטייער פון ארבעטס־מיניסטעריום, קלארצומאכן די באגריפן פון פאכלעכן חינוך אין די יוגנט־צענטערן. דער פאך חינוך מוז זיין פאסיק צו די באדערפענישן פונעם געביט, כדי צו דערמעגלעכן באשעפטיקונג פאר דער יוגנט להבא.

(ד) א ספעציעל פראבלעם איז די פאכלעכע דערציונג פאר מיידלעך. די מעג־לעכקייטן פאר פאך־דערציונג פאר א פרוי אין לאנד זענען באגרענעצט, בפרט פאר אומגעבילדעטע מיידלעך. פון דער צווייטער זייט, איז פאראן א פסיכישער ווידערשטאנד מצד די מיידלעך צו לערנען קאכן. מיר קענען אויך ניט אויס־לערנען די מיידלעך נייען, ווייל היינטצוטאג זענען פאראן צו פיל נייערינס אין לאנד. מיר גלויבן אז די מיידלעך פון די יוגנט־צענטערן וועלן ארבעטן אין די הויז־ווירטשאפטן אין דער נייער קאלאניזאציע אדער אין די אנטוויק־לונגס־געביטן. דעריבער האבן מיר באשלאסן זיי אויסצולערנען ארבעטן אין הויז־ווירטשאפט. די מיידלעך דארפן קענען קאכן גוטע שפייזן פון די לאנד־ווירטשאפטלעכע פראדוקטן אין אונזער לאנד, און קענען אלע נײ־ארבעטן וואס זענען נויטיק אין א היים.

זיי דארפן אויך דערצויגן ווערן צו פערזענלעכער היגיענע, מען דארף זיי געבן גרונט־באגריפן אין דער פלעגע פון קינדער און ערשטע סאניטארע הילף. אדאנק דעם וועט דאס מיידל דערהויבן און באטראכט ווערן אלס א פאזיטיווער פאקטאר אין דער משפחה. אויב מיר וועלן דערין מצליח זיין, וועלן מיר האבן א סך אויפגעטאן פארן פראגרעס פון דער פרוי ביי די מזרח־עדות.

(3) אלגעמיינע און לאנדווירטשאפטלעכע לימודים

די אלע יוגנטלעכע אין עלטער פון 15—17 יאר נויטיקן זיך אין לימודים, ווייל דער רוב פון זיי האבן ניט באוויזן צו פארענדיקן אפילו די פאלקס־שולע. דער דורכשניט־ניווא אין אונזערע צענטערן גרייכט ביז צום 5־טן קלאס. אונזער אויפגאבע איז צו פארפולקאמען זייער בילדונג; די אכט שעה לימודים צעטיילן זיך בעיקר אין דריי קעגנשטאנדן: העברעיש, חשבון און געאגראפיע.

די לימודים זענען וויכטיק ניט נאר דערפאר ווייל זיי פארפולשטענדיקן די בילדונג, נאר די עצם לימודים־ראם דערפירט צום פארשריט פון די יוגנט־צענטערן פון אלגעמיינעם דערציערישן שטאנדפונקט. מיר האבן געזען אז די יוגנט וויל לערנען, און די פארפולקאמונג פון זייער בילדונג גיט זיי מער זעלבסט־צוטרוי. דעריבער מוז מען צופאסן דעם לימודים־פראגראם צו די ספעציעלע באדערפענישן פון דער דאזיקער יוגנט. ס'זענען פאראן 16־יאריקע יינגלעך אנאלפאבעטען; פאראן יוגנט וואס האט געלערנט אין אויסלאנד און בעת זי וועט אויסלערנען די שפראך וועט זי צוקומען צו א נארמאלן ניווא פון פאלקס־בילדונג.

חוץ די אלגעמיינע לימודים באקומען די יוגנטלעכע אין די יוגנט־צענטערן אין לאנדווירטשאפטלעכן געביט טעארעטישן לאנדווירטשאפטלעכן לימוד. אין יוגנט־צענטער אין שפיר האבן זיי דערווארבן די ערשטע דערפארונג אויף דעם געביט. דער לאנדווירטשאפט־מיניסטעריום האט זיך פארפליכטעט צו פלאנירן א לימוד־ווירטשאפט אין יעדן יוגנט־צענטער אין דער קאלאניזאציע.

(4) פאר־מיליטערישע דערציונג, ספארט און געזעלשאפט־טעטיקייטן

פאר־מיליטערישע דערציונג דורך דער גדנ"ע איז א צוגאב צו דער אלגעמיינער דערציונג פון דער יוגנט אין די צענטערן. באזונדערס וויכטיק איז עס אין די נייע קאלאניזאציע־געביטן, כדי צו דערנענטערן די יוגנט צו די ענינים פון דער מדינה־זיכערהייט און כדי זיי זאלן באקומען סימפאטיע־געפילן און כבוד פאר צה"ל. ס'איז איבעריק צו דערמאנען די באדייטונג פון פאר־מיליטערישער דערציונג אין שייכות מיט די זיכערקייט־אויפגאבעס אין די גרענעץ־ישובים.

ג. דער פרינציפ פון צוזאמענארבעט און די איניציאטיוו־פאקטארן

א סך פאקטארן פארנעמען זיך מיט דער יוגנט. פיל איז וועגן דעם געשריבן געווארן. ס'איז מעגלעך אז דאס איז אן אומפארמיידלעכע באגלייט־דערשיינונג צום געזעלשאפטלעכן לעבן אין לאנד, וווּ ניט נאר די רעגירונג גיט דינסטן אירע בירגער, נאר אויך אנדערע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס.

די וועלכע האבן געפאדערט א פולע קאאפעראציע צווישן די פארשידענע פאקטארן אין שייכות מיט דער גרינדונג פון יוגנט־צענטערן, זענען, אן ספק, גערעכט געווען. ווייל איין פאקטאר אליין איז ניט מסוגל צו פינאנסירן אזא טעטיקייט. דעריבער איז די צוזאמענארבעט אין שייכות מיט דער גרינדונג פון יוגנט־צענטערן איינע פון די וויכטיקסטע דערגרייכונגען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און פון דער מדינה. ניט תמיד איז פאראן דיזעלבע שות־פות אין יעדן צענטער, אבער ס'איז געשאפן געווארן א געמיינזאמע אינסטאנץ צווישן די צוויי אפטיילונגען פון דער יידישער אגענץ, עלית הנוער און דעם אויפנעם־אפטייל, און צווישן ארבעטס־ און לאנדווירטשאפט־מיניסטעריום. ס'איז אויך געשאפן געווארן א געמיינזאמע לייטונג פאר אלע ווערק, א קערפערשאפט

וואס האלט אן די פארבינדונג מיט אלע פאראינטערעסירטע פאקטארן, צוזא־מען מיט דער גדנ״ע און דעם דערציונג־מיניסטעריום. אזוי ווייט עס זענען פא־ראן ווערק פון עלית הנוער אדער פון עלית הנוער בשותפות מיט ״הדסה״, מוז מען זיי, לויט מיין מיינונג, ביישליסן צו דער אחריות פון דער געמיינזאמער אינסטאנץ.

די אויפגאבן צעטיילן זיך לויט די פונקציעס, וואס יעדער פאקטאר קען דער־פילן:

1. דער ארבעטס־מיניסטעריום איז פאראנטווארטלעך פאר באשעפטיקונג און פאך־חינוך.
2. דער לאנדווירטשאפט־מיניסטעריום איז פאראנטווארטלעך פאר געבן אר־בעט און טרעגירונג אין עטלעכע ערטער און אויך פאר דער גרינדונג פון א לאנדווירטשאפטלעכער מוסטער־ווירטשאפט.
3. די יידישע אגענץ — עלית הנוער און דער אויפנעם־אפטייל — קאנצענ־טרירונג פון דער דערציערישער טעטיקייט, קלאסיפיקאציע, שטענדיקע פלעגע פאר די יוגנטלעכע און אדמיניסטראטיווע לייטונג.

ד. דער ארט פון יוגנט־צענטער אין דער באפעלקערונג פון געביט

די אויפגאבע פון די יוגנט־צענטערן איז קודם כל צו געבן די דערציערישע דינסטן וואס זענען נויטיק פאר יוגנט. אבער דער יוגנט־צענטער מוז אויך זיין א פאקטאר אין דער געזעלשאפט, אין וועלכער ער איז טעטיק. ס׳איז א טעות צו מיינען אז דאס פראבלעם פון די באציונגען צווישן קינדער און עלטערן איז געלייזט געווארן אדאנק דער גרינדונג פון יוגנט־צענטערן. דער קעגנזאץ צווי־שן עלטערן און יוגנט איז אויך דא פאראן ,אבער אין א פארם וואס קען געלייזט ווערן, און דערמעגלעכט אפילו א קעגנזייטיקע השפעה. דער פאקט אז דער יוגנטלעכע בלייבט אינדערהיים, דערוועקט ביי די עלטערן א פולן צוטרוי צו די וואס באשעפטיקן זיך מיט זייערע זין און טעכטער.

דער יוגנט־צענטער מוז אין משך פון דער צייט ווערן א געזעלשאפטלעך־קולטורעלער צענטער פאר דער באפעלקערונג אין דעם געביט. די סאניטארע דינסטן דארפן זיך פארנעמען אויך מיט די עלטערן ,דער קאך־לימוד פון דער טאכטער דארף אויך משפיע זיין אויף דער דערנערונג אין דער היים פון די עלטערן; דער לימוד אין א לאנדווירטשאפטלעכער מוסטער־ווירטשאפט דארף משפיע זיין אויף דער אנטוויקלונג פון דער ווירטשאפט פון זיינע עלטערן; דער זון קען העלפן אין דער ווירטשאפט פון זיינע עלטערן אין יעדער מלאכה וואס ער האט געלערנט אין יוגנט־צענטער. מיר מוזן דערגרייכן צו א פול־שטענדיקער פארפלעכטונג פון צענטער מיטן געזעלשאפטלעכן לעבן פון דער באפעלקערונג אין טאג־טעגלעכן לעבן.

דער צענטער־לייטער מוז צוזאמענארבעטן מיט דער סאציאלער ארבעטערין אינעם געביט ווו זי קענט דעם סאציאלן מצב פון די פארשידענע פאמיליעס.



הענריעטא סאלד

האנס בייט

חוצדעם מוזן מיר זארגן דערפאר אז די תקופה ווען דער יוגנטלעכער געפינט זיך אין צענטער זאל דערפירן צו זיין פולשטענדיקער איינארדנונג. דערצו זע־נען פאראן פארשידענע מעגלעכקייטן, אזיווי פארזעצונג פון זיינע לימודים אין א לאנדווירטשאפטלעכער אדער פאכלעכער שולע; איינארדנונג אין אן אר־בעטס־פלאץ אדער אויך ארויסגיין אין א הכשרה־קערן אין א מושב אדער קיבוץ.

אין די ערשטע באראטונגען וועגן דער גרינדונג פון יוגנט־צענטערן, האט מען געמיינט אז א הכשרה פון א האלב יאר אדער א יאר וועט גענוג זיין פארן יוגנטלעכן. אבער על סמך פון דער דערפארונג האבן מיר זיך איבערצייגט אז אין משך פון דער צייט קען דער יוגנטלעכער ניט דערגיין צו דעם געוווּנטשענעם ניווא. אין די קאלאניזאציע און אנטוויקלונגס־געביטן מוז דער ציל זיין קלאר: איינווארצלען דעם יוגנטלעכן אין זיין ווין־ארט. אין די צענטערן נעבן מעב־רות, מוז זיין א מעגלעכקייט אז די יינגלעך זאלן פארזעצן זייער צוגרייטונג אין דער ראם פון יוגנט־חברות אדער יונגע עולים, אין איינם פון די קיבוצים.

מיר וועלן עס באטראכטן אלס דערפאלג, ווען יינגלעך וועלן, נאך זייער דער־ציונג אין צענטער, באשליסן זיך צו ארגאניזירן אלס קערן פאר נח״ל (חלוציש־קעמפנדיקע יוגנט), הגם דאס איז ניט דער הויפט־ציל פון יוגנט־צענטער.

היות מיר באטראכטן דעם יוגנט־צענטער אלס אינטעגראלן טייל פון דער באפעלקערונג, מוזן מיר באצייכענען נאך א פונקט. אין משך פון דער צייט מוזן די דאזיקע ווערק אויך ווערן אן אינטעגראלער טייל פון דער ארטיקער פאר־וואלטונג. די אויפגאבע פון די צענטראלע אינסטיטוציעס איז צו פלאנירן אזעלכע ווערק און זיי העלפן מיט פינאנציעלע מיטלען און לייטנדיקע כוחות.

די אויפנעם און דערציונג־וועגן פאר דער עולים־יוגנט מוזן אנטשפרעכן צו די באזונדערע באדערפענישן פון יעדער עליה־כוואליע. אין דער פארגאנגענהייט האבן מיר געגלויבט אז דער מדבר־דור מוז שטארבן און דער יונגער דור וועט אויפבויען דאס לאנד. די דאזיקע אויפפאסונג איז געווען ריכטיק אין דער תקופה ווען די יידן האבן געלעבט אין גלות און האבן געשיקט קיין ארץ־ישראל זייערע זין כדי צו רעאליזירן דעם ציוניזם.

מיט דער פארניכטונג פון גלות־יידנטום זענען צענדליקער טויזנטער עולה געווען מיט דער יוגנט־עליה און ס׳איז געשאפן געווארן די פאסיקע דערציע־רישע ראם פאר זיי. די תקופה פון דער מאסן־עליה האט אונז געשטעלט פאר א גאנץ אנדערער ווירקלעכקייט. די יידן זענען געקומען אלס גאנצע משפחות; זיידע, באבע, עלטערן און פעטערס, קינדער און אייניקלעך. אבער אויב מיר וועלן אנאליזירן דעם אויפנעם־פראצעס פון די משפחות, אויפן סמך פון דער נייער שיטה צו געבן די עולים אן אריענטאציע, וועלן מיר קומען צום קלארן אויספיר, אז מיר מוזן זען די משפחה אלס אן ארומפאסנדיקע איינהייט. מיר מוזן זיך באמיוען אז אויך דער "מדבר־דור" זאל דערפילן זיין פליכט אין דער אנטוויקלונג פונעם לאנד.

אויב דאס אלץ איז ריכטיק, טא האבן די יוגנט־צענטערן א ספעציעלע חשי־בות אין אלגעמיינעם איינגלידערונג־פראצעס אין לאנד. דאס דאזיקע ציל פא־דערט פון אונז טיפע מחשבות, רעאליזירונג־כוח, מאביליזירונג פון טרייע אינס־טרוקטארן, וואס זאלן גוט דערפילן זייער פליכט — און קודם כל פאדערט מען פון עלית הנוער זי זאל זיך אקטיוו באטייליקן אין דאזיקן ווערק.

צבי מיכאלי

דער הכשרה־אנשטאלט אין באר שבע

כדי צו באוויזן די באדייטונג וואס דער הכשרה־אנשטאלט אין באר־שבע האט אין דער דערציונג פונעם יוגנטלעכן צו ארבעט און קולטור, וועל איך קודם־כל דערציילן צוויי פאלן:

1. יששכר, א 13־יאריקער, געפינט זיך שוין העכער פינף יאר מיט זיין משפחה אין באר־שבע. ער שטאמט פון פערסיע. מיט א יאר און א פערטל צוריק, איז ער צוזאמען מיט זיין עלטסטן ברודער אנגעקומען אין אנשטאלט. (ביידע האבן ניט געקאנט שרייבן און ניט לייענען). אין די לעצטע חדשים איז ער געווען אינעם לאגער פאר קאפ־הויט־קראנקהייטן נעבן חיפה, מחמת די נישט־היגיענישע באדינגונגען אין זיין היים. בעת ער איז צוריקגעקומען פון חיפה, אפגעוואשן און שיין אנגעטאן, האט ער דערציילט, אז ער האט זיך אויסגעצייכנט אינעם לאגער און צווישן אנדערן האט ער דערמאנט זיין יונגן ברודער. ער האט זיין ברודער געטראפן ארומדרייענדיק זיך אין די גאסן פון שטאט, שמוציק און אין א צעריסענעם מלבוש. ער האט אים תיכף געפירט אין באד פון אנשטאלט, אים אפגעוואשן, פארקעמט זיינע האר, האט אים אנגעטאן און האט געהאט דערביי אן אנגענעם געפיל.

2. שמחה, פון די ״שווערע״ מיידלעך, וועלכע איז מיט אונז ארויס אין תשי״ד אויף אפרו קיין כפר־ויתקין. איר אויפפירונג איז געווען א מאדנע; מאנגל אין דיסציפלין, שטערונגען אין סדר־היום פון דער חברה, א. א. וו. נאך דער אפרו־תקופה האט זי מער ניט באזוכט דעם אנשטאלט. אירע עלטערן האבן מורא געהאט פאר די ״פרייע״ באציונגען מיט ייִנגלעך און האבן איר ניט דערלויבט צו פארלאזן די שטוב; זי האט געמוזט קאכן, ראמען און פלעגן די קינדער.

אין א שיינעם טאג בין איך געווען איבערראשט צו זען שמחה׳ן נעבן הויף פון אנשטאלט און מיט דער האנט האלט זי א שמוציק קינד. ״נעבן אונז וווינט א פאר׳יתומ׳ט קינד״, האט זי געזאגט, ״ער האט ניט קיין בגדים און ער איז הונגעריק. דעריבער האב איך אים געבראכט צו אייך און איך בעט אייך איר זאלט אים אויפנעמען...״

היסטאריע פון אנשטאלט

זומער 1953 זענען פארגעקומען אויפקלערונגען צווישן דער דערציונג־אפטיילונג פון דער באר־שבע׳ר שטאט־פארוואלטונג און צווישן דער לייטונג

פון עלית הנוער בנוגע דער דערעפנונג פון אן אנשטאלט אין שטאט, וואס זאל אויפנעמען יוגנט כדי זי צו טרענירן צו לימודים און ארבעט. עקזאמינירן די קאנדידאטן, אויסקלייבן א פלאץ פארן אנשטאלט אין די געביידעס פון עמידר אין קווארטאל ג׳ — דאס אלץ האט געדויערט 3־2 חדשים. דעצעמבער 1953 זענען שוין געווען אינעם ערשטן פארטיקן בנין 25 תלמידים. אין מאי 1954 האבן מיר דערעפנט אפיציעל דעם אנשטאלט. אין יולי 1955 האבן פארענדיקט זייער הכשרה אין אנשטאלט 11 תלמידים פון דער חברה ״מכבים״ אין עלטער פון 16־15 יאר (6 יינגלעך, 5 מיידלעך). אין יענעם חודש זענען געווען אין אנשטאלט 88 תלמידים, וואס האבן זיך צעטיילט אין חברות לויט עלטער און קלאסן:

	תלמידים	יינגלעך	מיידלעך
חברה ״ניצנים״ (14־13־יאריקע) האט אנטהאלטן	46	27	19
חברה ״מחיה השממה״ (15־14־יאריקע) האט אנטהאלטן	31	18	13
חברה ״מכבים״ (16־15־יאריקע) האט אנטהאלטן	11	6	5
ס״ה	88	51	37

לימוד־קלאסן

די צעטיילונג אין קלאסן איז פארגעקומען לויטן בילדונגס־ניווא פון די תלמידים. אין העכסטן קלאס (יוגנט ג׳) איז דער לערן־מאטעריאל צוגעפאסט צו די קלאסן ה׳־ו׳ פאלקסשולע. אין די קלאסן געפינען זיך צוזאמען קינדער און יוגנטלעכע אין עלטער פון 12,5—15.5 יאר.

דער ערשטער קלאס נעמט ארום יינגלעך און מיידלעך פאר וועלכע לייענען און שרייבן עברית איז נאך שווער, ס״ה 14 תלמידים, פון זיי 4 יינגלעך, 10 מיידלעך.

קלאס ב׳ 1: ס״ה 14 תלמידים, פון זיי: 11 יינגלעך, 3 מיידלעך.
קלאס ב׳ 2: ס״ה 16 תלמידים, פון זיי: 12 יינגלעך, 4 מיידלעך.
קלאס ג׳ : ס״ה 23 תלמידים, פון זיי: 12 יינגלעך, 11 מיידלעך.

ס״ה תלמידים אין די 4 קלאסן: 67, צוואנציק פון זיי בערך געפינען זיך 6—4 חדשים אין לאנד, און זיי וווינען מיט זייערע עלטערן אין דער מעברה אין דער מערב־דרומדיקער זייט פון שטאט. גלייכצייטיק מיטן וווקס פון דער צפון־אפריקאנער עליה, וועט אויך וואקסן, אן ספק, דער פראצענט תלמידים פון די נייע עולים.

די שולע איז אנערקענט געווארן אלס שולע פאר ארבעטנדיקער יוגנט און אן אינספעקטארין פון דערציונג־מיניסטעריום באזוכט דארט אפט. דער דערציונג־מיניסטעריום באטייליקט זיך אויך טיילוויז אין דער אויסהאלטונג פון די לערער.

קינדער וועלכע לערנען נאכמיטאג

אין דער שולע פון אנשטאלט לערנען אינדערפרי 67 תלמידים. די איבעריקע קינדער קומען נאכמיטאג פון פארשידענע שולעס אין דער שטאט, כדי צו לערנען ארבעטן און זיך באטייליקן אין די טעטיקייטן פון דער חברה. די ארבעט־גרופעס זענען געמישט: קינדער פון אנשטאלט און קינדער פון שולעס אין שטאט. די קינדער פון שטאט זענען אנגעשלאסן געווארן אן חברות וואס זענען פאסיק צו זייער עלטער.

די צאל קינדער פון פארשידענע שולעס אין די חברות איז 22.

די באציונגען צווישן די קינדער וועלכע לערנען אין אנשטאלט און די וואס לערנען אין שטאט זענען גוטע. די שול־קינדער זענען זייער טעטיק אין די חברות.

אין דער צוקונפט האבן מיר ניט בדעה אויפצונעמען שול־קינדער פון דער שטאט, צוליב פאלגנדע סיבות: 1) א טייל פון די פאלקסשול־לייטער זעען ניט גערן די באזוכן פון די קינדער אין אנשטאלט; 2) אין באר־שבע זענען דערעפנט געווארן נאכמיטאג קלובן אין די שולן; 3) מען דארף די דערציונג ניט צע־טיילן צווישן צוויי אינסטאנצן.

ארבעט און פאך

אין אנהויב האט מען געפלאנט ווארשטאטן פאר פאר־פאכלעכער טרענירונג, צוליב דער מיינונג: 1) אז פון דאנען וועלן די תלמידים פארזעצן זיך צו ספע־ציאליזירן אין פארשידענע קורסן, אדער זיי וועלן אריינטרעטן אלס לערן־יינגלעך אין די ווארשטאטן; 2) ווייל לערנען ארבעטן וועט גוט משפיע זיין אויפן כאראקטער און פערזענלעכקייט פון די תלמידים.

אין אנשטאלט איז געשאפן געווארן א טישלעריי, א נייעריי, א לימוד־קיך. עס איז אריינגעבראכט געווארן אן אינסטאלאציע צו באוואסערן פינף דונאם בלומען און גרינס־גערטנער.

מיידלעך האבן געלערנט נייען אין צוויי גרופעס (יעדע גרופע האט באקומען 10 לימוד־שעה'ן א וואך); יונגע מיידלעך האבן געלערנט אין א ספעציעלן קורס פאר שטיקעריי (10 שעה א וואך). נייעריי האט די מיידלעך באזונדערס צוגע־צויגן. די באזוכן זענען סטאבילע און די באציונג צו דער ארבעט איז אן ערנסטע.

אין פראקטישן קאך־לימוד האבן זיך די מיידלעך געביטן יעדן טאג, כדי ניט צו שטערן דעם גאנג פון די אלגעמיינע לימודים. אין די קיך־דינסטן און צו־טראגן די שפייזן האבן זיך, לויט דער ריי, באטייליקט מיידלעך און יינגלעך. די ארגאניזירונג פון די דינסטן האט געהאט דערפאלג, ווייל די קינדער געפינען זיך אין די היימען ביי זייערע עלטערן און דער באגריף פון עפנטלעכן דינסט איז פרעמד פאר זיי; חוצדעם באדייט די זעלבסט־באדינונג א גרויס איינשפארן פארן בודזשעט פון אנשטאלט. חוץ דער פראקטישער אנווייזונג אין קאכן, האבן

מיר זיך באמיט געבן די מיידלעך אויך א טעארעטישן לימוד אין קאכן און ווירטשאפט, כאטש אין באר־שבע זענען קיין לערערינס דערצו ניט פאראן.

טישלעריי איז געווען א "צוציונג־קראפט" פאר יינגלעך, אזוי ווי נייעריי פאר מיידלעך. די יינגלעך האבן זיך אויך געמוזט באטייליקן אין דער ארבעט אין גרינצייג־ און בלומען־גארטן. דעריבער האבן זיי זיך אלע צוויי חדשים געביטן אין לאנדווירטשאפט און טישלעריי. די זאך איז אנגענומען געווארן אין אן אלגעמיינער תלמידים־פארזאמלונג, ווי פאך־אינסטרוקטארן האבן איבערגעגעבן דין וחשבון, פרעמיעס פאר די וועלכע צייכענען זיך אויס אין די פארשידענע צווייגן. אין לאנדווירטשאפט און טישלעריי האבן יעדן טאג געארבעט דריי גרופעס פון 7—12 תלמידים (יעדע גרופע 10 לימוד־שעה'ן א וואך). אין טיש־לעריי האבן די יינגלעך געהאט גרויסע דערגרייכונגען. די מעבלירונג פון אנ־שטאלט איז געמאכט געווארן אויף זייער אחריות. א טייל פון די מעבל האבן זיי אליין געמאכט. די קינדער האבן פאבריצירט הויז־זאכן און כלים אין וועלכע א משפחה נויטיקט זיך. די געשטערטע תלמידים וועלכע געפינען זיך אין דער פלע־גע פון "לאסקער־צענטער" זענען געווען אפגעשטאנען אין דער טישלעריי, אבער אין דער שוסטעריי, וואס מיר האבן בדעה איצט צו דערעפענען, וועלן זיי זיכער געפינען זייער פאסיקן ארט.

מען מוז באצייכענען די מיטהילף פון ארבעטס־מיניסטעריום און זיין טיילוויי־זע אויסהאלטונג פון א טישלעריי־אינסטרוקטאר, ווי אויך אין זיין געבן חודש'־לעכע שטיצע פאר 20 תלמידים וועלכע צייכענען זיך אויס אין פאכלעכע אר־בעטן. די סומען זענען פארווענדעט געווארן פאר מעבלירן און דעקארירן די דירות פון די תלמידים.

די אויפזיכט איבער דער טישלעריי איז בעיקר אין די הענט פון דערציונג־מיניסטעריום און אן אויפזעערין פון ארבעטס־מיניסטעריום אינסטרואירט די לערערין אין דער נייעריי.

דאס געזעלשאפטלעכע לעבן

דאס געזעלשאפטלעכע לעבן קאנצענטרירט זיך בעיקר ארום די צוגרייטונגען צו יום־טוב־פייערלעכקייטן, ווי אויך פאר אויספלוגן און צוזאמענטרעפן פון די תלמידים. די הויפט־זארג פון די אינסטרוקטארן איז געווען פעסטצוזעצן א קאנטאקט מיט דער היים פון די עלטערן; אפטמאל האבן זיי זיך באטייליקט אין די ליידן און פריידן פון דער משפחה. דער קאנטאקט מיט דער משפחה האט באדייט א וויכטיק דערציעריש מיטל און האט פארשטארקט די פריינטשאפט־באציונגען צווישן דעם אינסטרוקטאר און דעם תלמיד.

ספעציעל געלונגען זענען די געזעלשאפטלעכע טעטיקייטן אין די אפרו־פלעצער אין כפר ויתקין און די צוזאמענטרעפן פון "יום הילד". א לאנגע צייט פארן צוזאמענקום הויבן זיך אן די צוגרייטונגען אין ספארט און קינסטלערישע אויפטריטן. די צוגרייטונגען זענען אנגעזאפט מיט דינא־

מישער טעטיקייט מצד דער גאנצער חברה. אן אומפארגעסלעך בילד איז צו זען די דאזיקע מיידלעך זיך פארנעמען מיט ריטמיק ביי די קלאנגען פון קלאוויר.

פארשידענע אויספלוגן (היי־יאר איז א חברה ארויפגעגאנגען צום הר־הרצל אין ירושלים) און גדנ״ע־טעטיקייטן ווערן אויך אויסגעפירט אין דער ראם פון דער חברה און באדייכערן דאס לעבן פון די קינדער. אונזערע תלמידים האבן זיך באטייליקט אין דער עליה צו מסדה און אין אלגעמיינעם צוזאמענקום פון גדנ״ע און אויך אין גדנ״ע־לאגער אין מגדל־אשקלון. די גדנ״ע טעטיקייט ליידט דורכדעם וואס די אינסטרוקטארן בייטן זיך כסדר (די טעטיקייט אין דעם אנשטאלט קומט פאר אין די אוונטן און שבת׳ים). לעצטענס איז די אינסטרוקטארן־מאנשאפט בעסער און זייער באציונג צו דער ארבעט איז אן ערנסטע. חוץ פייערלעכקייטן אין די ימים טובים, וואס קומען פאר אין אנוועזנהייט פון די עלטערן, זענען פארגעקומען צוויי צענטראלע פייערלעכקייטן אין אנשטאלט. די תלמידים זענען ארויסגעטראטן מיט פאלקס־טענץ, גימנאסטיק, זיי האבן געזונגען און דעקלאמירט און האבן געלייענט פון זייערע אייגענע שאפונגען. ביי איינצלנע האט מען באמערקט טאלאנט. די איבעראשונג איז געווען גרויס פאר די אלע, וועלכע האבן געקאנט די דאזיקע ארעמע קינדער פון פריער.

די היים און די עלטערן

בעת איך קום ריידן וועגן דער טעמע, זע איך פאר מיינע אויגן די בלינדע מוטער שפארט זיך אן אינעם קליינעם זון. זי קומט באגלייטן דעם 13־יאריקן משה נודי אין זומער־לאגער. איך האב די מוטער געזען צוויי מאל: נעבן אויטא, ווען מיר זענען ארויסגעפארן און בעת מיר זענען צוריקגעקומען פון זומער־לאגער. די בלינדע מוטער האט געליטן, ווייל זי האט זיך געמוזט צעשיידן פון איר זון, אפילו אויב נאר אויף איין טאג, אבער אין איר הארץ האט זי געפילט דאנקבארקייט צו די מענטשן וואס האבן אים אוועקגעפירט פון באר־שבע צום ים־ברעג.

די היים איז בדרך כלל אן ארעמע שמאלע היים, ווו עס זענען פאראן א סך קינדער. דער פאטער ארבעט און שלעפט מיט שווערער מי דעם עול פון פרנסה. ניט זעלטן זענען פאראן פאלן פון בלינדהייט; די עלטערן ווערן אלט פאר דער צייט; אויך פאראליזע איז פאראן ביי די משפחה־מיטגלידער. די דערציונג פון די קינדער אין אנשטאלט ברענגט אריין ליכט אין לעבן פון די עלטערן. ס׳איז אבער א וואונדער וויאזוי עס איז אונז געלונגען אוועקצונעמען די מיידלעך אין אנשטאלט. אמת, מיר האבן נאך ניט געבונדן פעסטע באציונגען צווישן אונז און די עלטערן, אבער דער אנהויב איז שוין געמאכט. די פאטערס זענען שטאלץ אויף זייערע קינדער וועלכע ווערן דערצויגן אין אנשטאלט. ווייזט אויס, אז ניט נאר דאס עסן און די קליידער מאכן אויף זיי איינדרוק, ווייל אויב עס וואלט אזוי געווען, וואלט דער אנשטאלט געווען איבערפולט מיט הונ־

דערטער יוגנטלעכע. די עלטערן געפֿעלט די גוטע אַטמאָספֿער אין אַנ־שטאַלט, דער ריינער זאַל, וואָס איז דעקאָרירט מיט אַ פֿאָרהאַנג און אַ בילד. זיי קומען גערן אין אַנשטאַלט און האָבן הנאה צו הערן דאָ וויכטיקע זאַכן. דאָ האַלט אַ דאָקטאָר אַ רעפֿעראַט וועגן קינדער־קראַנקהייטן און וויאַזוי זיי אויסצומיידן, מען דערקלערט די פֿאַרזיכערונג אין דער קראַנקן־קאַסע, כּדי די עלטערן זאָלן וויסן וועגן זייערע רעכט און פֿליכטן; אַן אַרבעטער פֿון דער סאַ־ניטאַרער אָפּטיילונג דערקלערט דעם ווערט פֿון ריינקייט אַרום דעם הויז; מו־טערס לערנען עפּעס אין נייעריי און קאָכן, מען לערנט אויך העברעיִש און די קינדער זיצן מיט די עלטערן אין קלאַס און קוקן וויאַזוי זייערע עלטערן לער־נען. אַ טרייסטפֿולע און פֿריינטלעכע אַטמאָספֿער.

יוגנט־באַוועגונגען אין שטאַט

אַזוי ווי די גדנ״ע איז מער טעטיק אין דער געאָרדנטער ראַם פֿון אַנ־שטאַלט, אַזוי אויך די יוגנט־באַוועגונגען אין באר־שבע. נאָכדעם ווי די פֿראַגע איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דער אָפּטיילונג פֿון עלית הנוער, האָבן מיר זיך געווענדעט צו די באַוועגונגען אין שטאַט ניט צו באַטייליקן אונזערע תּלמידים אין די טעטיקייטן, ווייל דער ציל פֿון אַנשטאַלט איז צו ברענגען דעם רובֿ קינדער נאָך אַ יאָר אָדער צוויי, אין אַ קיבוץ. בדרך כּלל האָבן די באַוועגונגען זיך גערעכנט מיט דעם פּרינציפּ.

די געזונדהייט פֿון די קינדער

דער געזונטהייט־צושטאַנד פֿון די קינדער איז אַ גוטער, חוץ איינצלנע פֿאַלן (האַלדז־ און לונגען־קראַנקהייטן). דער גרעסטער טייל פֿון זיי איז פֿאַרזיכערט אין דער קראַנקן־קאַסע. אין אויסנאַם־פֿאַלן האָט זיך די סאָציאַלע אָפּטיילונג פֿון דער שטאַט־פֿאַרוואַלטונג באַטייליקט אין די הוצאות. דאָס עסן אין אַנשטאַלט איז גוט. די קינדער פֿון דער מעברה, וועלכע זענען לעצטענס אָנגעקומען אין אַנשטאַלט, זענען געזונט געוואָרן. אַ שטאַט־דאָקטאָר און אַ שוועסטער באַזוכן דעם אַנשטאַלט.

אויסשטאַטונג און קליידונג

די לייטונג פֿון דער אָפּטיילונג האָט בשעתו באַשטימט אַז די קינדער פֿון אַנשטאַלט וועלן באַקומען ניט ווייניקער ווי די העלפֿט פֿון דער אויסשטאַטונג וואָס ווערט געגעבן די תּלמידים פֿון עלית הנוער אין די געוויינלעכע חבֿרות. קודם האָט מען געגעבן שבת־קליידער, דערנאָך אויך פֿאַר דער גאַנצער וואָך (פֿאַר זומער און ווינטער). די עלטערן צאָלן אַ סימבאָלישע סומע פֿאַר דער־אויסשטאַטונג. מען האָט אַ סך געטראַכט איידער מען האָט געטיילט די קינדער די בגדים: וויאַזוי וועט דאָס ווירקן אויף די איבעריקע קינדער אין דער משפּחה, וועמענס קליידער זענען אַלט און צעריסן. אָבער אויך די קינדער האָבן זיך

אויסגעלערנט זיך ריין אנצוטאן, אפצוהיטן זייערע קליידער און זיי דינען אלסביישפיל פאר דער מוטער און פאר די משפחה־מיטגלידער.

די תלמידים אין אנשטאלט

דער אנשטאלט געפינט זיך אין שטאטישן קווארטאל. דאס יינגל פארברענגט דא דעם טאג און אין די אוונט־שעה׳ן קערט ער זיך אום צו זיינע עלטערן. א סך יוגנטלעכע אין דעם עלטער אין שטאט ארבעטן און העלפן זייערע משפחות. דער דאזיקער מצב האט געהאט א גרויסע השפעה אויפן צוזאמענשטעל און אויף דער סטאביליטעט פון דער חברה. א סך האבן פארלאזן די חברה אינמיטן פון דער צוגרייטונג און זענען ארויס אויף ארבעט. א טייל פון זיי איז געגאנגען צו די אוונט־קורסן. אין צוויי רשימות וועלן מיר אויפווייזן די באוועגונגען און די רעלאטיווע סטאביליטעט.

(1) סעפטעמבער 1953 האט די שטאט־פארוואלטונג איבערגעגעבן א רשימה פון תלמידים וואס האבן געזאלט אריין אין אנשטאלט. די רשימה איז באשטאנען פון 15—13־יאריקע יינגלעך, אנאלפאבעטן און אזעלכע וואס האבן באזוכט שולן אין שטאט אין משך פון איין אדער צוויי יאר. איצט ווילן זייערע עלטערן זיי זאלן זיך אויסלערנען א פאך. פון 31 יינגלעך זענען אריין אין אנשטאלט 17, און איצט געפינען זיך אין אים 9. פון 21 מיידלעך זענען אריין אין אנשטאלט 10 און איצט געפינען זיך אין אים 3. די דאזיקע ציפערן באווייזן אז א העלפט בערך פון די יינגלעך און 2/3 פון די מיידלעך וועלכע די שטאט־פארוואלטונג האט צוגעשטעלט, האבן פארלאזן דעם אנשטאלט נאך איידער זיי האבן פארענדיקט זייערע לימודים.

(2) דעם 18.6.1955 זענען געווען אין אן אנהויב־קלאס 21 תלמידים: 16 יינגלעך און 5 מיידלעך. אין א פארגעשריטענעם קלאס זענען געווען 19 תלמידים, 14 יינגלעך און 5 מיידלעך. דער רוב פון זיי איז ארויס אויף פראדוקטיווער ארבעט אין שטאט און אין די קיבוצים. פון די פארשידענע שולן אין שטאט האבן פאראיארן באזוכט אין אנשטאלט 24 תלמידים, 10 יינגלעך און 14 מיידלעך. פון די אויבן־דערמאנטע צאלן לערנען מיר, אז עלטערן און קינדער זענען מער צוגעצויגן געווארן צום אנשאלט ווי צו דער פאלקס־שולע, צוליב דער באטאנונג פון אויסלערנען א פאך. די איבערפירונג אין אנשטאלט איז געמאכט געווארן נאר מיט דער הסכמה פון די שטאט־פארוואלטונג־פארשטייער. נאר א קליינער פראצענט פון די שול־קינדער האט פארלאזן דעם אנשטאלט.

די געזונטהייט פון די קינדער

די ערשטע תלמידים: 6 יינגלעך און 5 מיידלעך פארענדיקן איצט זייער הכשרה. די חברה האט געציילט 21 תלמידים. לויטן באשלוס פון דער אפטיילונג־לייטונג, געפינען זיך די קינדער אין אנשטאלט אין ביז צוויי יאר. א טייל

פון זיי זענען אנגעקומען צו אונז בעת זיי האבן נאך ניט געקענט לייענען און שרייבן. די שולן אין שטאט האבן זיי ניט אויפגענומען, ווייל זיי זענען געווען עלטער ווי די נארמאלע לערן־יארן און האבן אפילו ניט געפאסט אין די נידעריקע קלאסן, אין וועלכע עס האבן געלערנט 12־13־יאריקע. א צווייטער טייל פון דער חברה האט באזוכט פאלקס־שולן אין באר־שבע און מיט דער הסכמה פון די לערער און עלטערן זענען זיי אריבער אין אנשטאלט (א סך לערער האבן געזען אין אנשטאלט א שוץ־ארט פאר אפגעשטאנענע און דעבילע קינדער). א דריטער טייל איז באשטאנען פון די וועלכע האבן פארלאזן די חברות פון עלית הנוער, וועלכע האבן זיך ארומגעדרייט פוסט און פאס אין באר־שבע.

די פארגאנגענע תקופה איז געווען א צייט אין וועלכער מען האט געלייגט די גרונט־שטיינער פאר דעם אנשטאלט. די "מכבים" זענען געווען די ערשטע. צוזאמען מיטן פערסאנאל האבן זיי דורכגעמאכט אלע ערשטע שוועריקייטן.

מיר געדענקען די קינדער, בעת זיי זענען צו אונז אנגעקומען: דאס עלנט און די ארעמקייט האבן ארויסגעקוקט פון זייערע אויגן. זיי האבן געשאפן באציונגען מיט דער סביבה און מיט די וועלכע האבן זיך מיט זיי פארנומען. ס׳איז פאר זיי געעפנט געווארן א פענצטערל צו א נייער וועלט און פאר א נייעם אינהאלט: דער אינסטרוקטאר און די אינסטרוקטארין, די טעטיקייט און דאס לערנען צוזאמען.

די ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן אין דער סוף־פייערלעכקייט פון דער חברה זענען ניט איבערגעטריבן, אז מיר זעען די תלמידים אלס חברים פון א יוגנט־חברה אין א קיבוץ אין זייער צווייטן הכשרה־יאר. איצט זענען זיי ערנסט, דיסציפלינירט, פול מיט ווילן צו לערנען און פארויסצוקומען.

ביי דער פייערלעכקייט איז באטאנט געווארן, אז דאס איז אויך א יום־טוב פאר די תלמידים וואס זענען ארויס אינמיטן הכשרה־יאר און זענען ניט דערגאנגען ביזן סוף. א טייל פון זיי איז אריין אין פארשידענע ארבעטס־צווייגן אין שטאט (צווי זענען אפילו אויפגענומען געווארן אין דער ווירטשאפט "רביבים") און א טייל האט פארלאזן צוליב די שווערע באדינגונגען אין דער מעברה, כראנישע קראנקהייטן אין דער פאמיליע, א. א. וו.

אונזער אנשטאלט איז בלויז א הכשרה־ארט. דער ארבעטס־מיניסטעריום וועט זען צו פארברייטערן די קענטעניש פון די קינדער אויפן פאך געביט (נייעריי, טישלעריי); פון דער אנדערער זייט — די וועלכע זענען אריבער אין דער ווירטשאפט, אין די יוגנט־חברות און אין די חברות פון "יונגע עולים", וועלן זיך ווייטער פארפולקאמען אין זייערע לימודים און וועלן זיך איינווארצלען אין ארבעט און שאפונג־לעבן אין דארף.

די צוקונפט פון אנשטאלט

די פארגרעסערונג און אנטוויקלונג פון אנשטאלט זענען אפהענגיק פון דער ווייטערדיקער עליה פון משפחות קיין באר־שבע. זיין צוועק — אויפנעמען

די נייע עליה פון יינגלעך און מיידלעך און זיי צוגרייטן צו א לעבן פון ארבעט און וויסן. מיר קענען ניט זיין נאר אן אויפנעם־פלאץ פאר דעבילע און אפ־געשטאנענע קינדער, וואס געפינען זיך שוין 6־5 יאר אין באר־שבע.

די באדינגונגען פאר א נארמאלן פראגרעס פון אנשטאלט זענען: צו־פאסן א דערציונג־ און פאך־מאנשאפט פון ארבעטער; פארבעסערן דעם לערן־ניווא אין דער שולע; פארברייטערן די ווארשטאטן דורך טעארעטישער אויפ־קלערונג אויפן פאך־געביט, וואס זאל זיין צוגעפאסט צום אלגעמיינעם ניווא פון די תלמידים; גרונטלעך פלעגן די אויסנאמספאלן מיט דער היטהילף פון "לאס־קער־צענטער"; פארברייטערן די ארטיקע געביידעס און צובויען נייע פארן קלוב און פאר די ווארשטאטן.

און צום סוף ברענגען מיר די ווערטער פון א מיידל, וועלכע פארענדיקט אין די לעצטע טעג אירע לימודים אין אנשטאלט:

"איך וואלט געוואלט אויפנייען א קלייד און עס קיינמאל ניט אנטאן, איך איך וויל עס נאר תמיד באקוקן בשעת עס איז ניי און אזוי ארום געדענקען דעם אנשטאלט ווו איך בין אויפגעוואקסן און דערצויגן געווארן".

יוסף לביא

~~דער~~ צענטער פאר דערציונג און פראפעסיאנעלער צוגרייטונג אין שבות־עם (פרדסיה)

פון: יוסף לביא

אין חודש מאי 1954 איז דערעפנט געווארן דער צענטער פאר דערציונג און פראפעסיאנעלער צוגרייטונג. דער אנשטאלט איז אויפגעשטעלט געווארן דורך דעם אפטייל פאר יונגע עולים וועלכער געהערט צו עלית הנוער און צום אויפ־נעם־אפטייל פון דער יידישער אגענץ, דורך דער געזעלשאפט "וווינונג פאר דעם עולה" און ארבעטס־מיניסטעריום.

צוליב די באדינגונגען אין דער מעברה און אין איר אומגעגנט, ווו צענדלי־קער יוגנטלעכע פון 17 יאר געפינען זיך מחוץ א דערציערעשיר ראם, און אן א פראדוקטיווער באשעפטיקונג, איז דער אנשטאלט דערעפנט געווארן אין תחום פון דער מעברה גופא: א נישט גרויסער בנין פון איין שטאק, וועלכער באש־טייט פון א ביורא, אן עס־זאל און א קיך, און נעבן אים דריי באראקעס וואס דינען אלס לימוד־קלאסן.

די הויפט־אויפגאבע פון אנשטאלט איז: דערציען די יוגנט פאר דער צוקונפט, זי זאל זיין א פראדוקטיווער עלעמענט וואס זאל זיך אליין אויסהאלטן און האבן א נאציאנאל זעלבסבאוווסטזיין (א נוצלעכער און גוטער בירגער).

די דאזיקע עלטער (14—17) איז וויכטיק אלס ארבעטס־כוח פאר דער גרוי־סער עולים־משפחה, ווו די עלטערן ווילן נישט און קענען נישט מותר זיין אויף דער הילף פון זון אדער טאכטער אלס פרנסה־געבער אין דער משפחה. די משפ־חה איז אויך קעגן דעם אז די יוגנטלעכע זאלן פארלאזן די היים און אריבערגיין אין אנדערע ערטער און צו אן אנדערער לעבנס־פארם. טראץ אונזערע באמיונגען, האט דער רוב פון די דאזיקע יוגנטלעכע זיך נישט איינגעגלידערט אין לאנד. די יוגנט אינטערעסירט זיך אויך נישט אין געזעלשאפטלעכן שטח, אין די פאר־שידענע קלובן פון די יוגנט־באוועגונגען און אנדערע קערפערשאפטן, וואס זענען אפן אין דער מעברה אין די אוונטן.

דער נייער עקספערימענט וואס איז געמאכט געווארן אין ראם פון אנשטאלט, באזירט זיך אויף א צופאסונג צו די באזונדערע באדינגונגען פון דער עולים־יוגנט.

דער דאזיקער צענטער איז אויפגעבויט אויפן יסוד פון באשעפטיקונג און פראפעסיאנעלער צוגרייטונג, אויף בילדונג און דערציונג צו א געזעלשאפטלעכן און בירגערלעכן לעבן.

אין אנשטאלט געפינען זיך 58 יינגלעך און 12 מיידלעך. זיי זענען צעטיילט

אין דריי קורסן: שלאסעריי, נייען, קאכן און הויז־ווירטשאפט פאר מיידלעך. 7 אזייגער אינדערפרי קומען די תלמידים אין צענטער. פון דאנען גייען זיי ארויס צו דער ארבעט. אין יעדן קורס זענען פאראן צוויי גרופעס; איין גרופע לערנט א פאך און די צווייטע ארבעט. א וויכטיקער פלוס פאר דעם אנשטאלט באשטייט דערין וואס ער איז בייגעשלאסן צו דער געזעלשאפט "וווינונג פאר עו־לה", וועלכע פארשאפט ארבעט פאר די יינגלעך אין אירע ווארשטאטן. די געזעלשאפט צאלט יעדן יינגל 2 ישראל פונט פאר אן ארבעטס־טאג. 25 פונט א חודש באדייטן א הילף פאר דער עולים־משפחה.

די יינגלעך וועלכע זענען נישט געווען געוווינט צו אן ארבעטס־רעזשים, האבן זיך געניוטיקט אין א שטענדיקער אנווייזונג און א סך פארשטענדעניש מצד די פארשידענע פאקטארן וועלכע געפינען זיך נעבן זיי בשעת דער ארבעט.

דריי מאל א וואך פארבלייבן די יינגלעך נאך דריי שעה אין צענטער, פאר אלגעמיינע לימודים, דאס הייסט 8 שעה א וואך. די לימודים באשטייען פון: העברעיש, אריטמעטיק, און געאגראפיע אין איינקלאנג מיטן פראגראם פון דער־ציונגס־מיניסטעריום. די תלמידים פארטיילן זיך אין דריי קלאסן, לויט דעם ניווא פון זייערע קענטעניש. אין די דריי לימודים־טעג גייען די יינגלעך אהיים 7 אזייגער אין אוונט. איין מאל א וואך, אין טאג ווען זיי לערנען נישט, קומען די יינגלעך צוריק אין אנשטאלט אין די אוונט־שעה'ען צו טעטיקייטן, מען פאר־ברענגט צוזאמען מיט געזאנג, טאנץ און שפיל. אונזער צוועק איז זיי איינ־צווארצלען אין ישראל'דיקן לעבן מיט דער הילף פון די דאזיקע טעטיקייטן. עס זענען שוין פארגעקומען געמיינזאמע טעטיקייטן מיט ישראל־יוגנט פון דער נאענטער סביבה, אבער אפטמאל זענען די עלטערן קעגן דעם, בעיקר עלטערן פון מיידלעך. אבער נאך א גרונטלעכער אויפקלערונג איבער די געשעענישן אין אנשטאלט, האבן מיר דערגרייכט פארשטענדעניש און צושטימונג מצד די עלטערן.

אין דער ראם פון דער דערציערישער און געזעלשאפטלעכער טעטיקייט זע־נען פארגעקומען עטלעכע אויספלוגן. דאס ערשטע מאל האבן זיי באזוכט אין אויבערשטן און מערב'דיקן גליל, אין חיפה און אין די טאלן. דאס איז געווען דער ערשטער ארגאניזירטער אויספלוג אין זייער לעבן.

דער צוועק פון קלוב (קולטור־היוז) איז צונויפזאמלען די יוגנטלעכע בעת זיי־ער פרייער צייט פאר אונטערהאלטונג מיט שפיל אין א קולטורעלער אטמאס־פער. דער קלוב איז אפן צוויי אוונטן א וואך. אין אנהויב איז ער אנגעפירט גע־ווארן מיט אן אינסטרוקטאר, אבער נאך א קורצער צייט האבן די תלמידים אליין איבערגענומען די לייטונג פון קלוב. און זיי האבן דערין געהאט דערפאלג.

א ביבליאטעק וואס אנטהאלט 100 ביכער לערך, צוגעפאסט צום בילדונגס־ניווא פון די תלמידים, דינט פאר די קינדער פון אנשטאלט. מען מוז באמערקן אז א גרויסער טייל פון די תלמידים האבן ארויסגעוויזן אינטערעס פאר די ביכער.

אין דער ראם פון דער געזעלשאפטלעך־דערציערישער טעטיקייט, האט זיך ארגאניזירט א קערן פון 25 תלמידים, מיטן ציל ארויסצוגיין אין א קיבוץ און דארט פארזעצן זייער פאכלעכע צוגרייטונג. צום באדויערן איז דער דאזיקער קערן נישט ארויסגעגאנגען אויף קאלאניזאציע, מחמת מיר האבן נישט געפֿונען קיין קיבוץ וואס זאל גרייט זיין זיי אויפצונעמען. מיר באמיען זיך ווייטער אין דער ריכטונג.

אין די לעצטע צוויי חדשים זענען געמאכט געווארן צוגרייטונגען פאר די פייערלעכקייטן לכבוד דעם פארענדיקן זייערע לימודים. דעם 20־טן יולי 1955 איז פארגעקומען די צערעמאניע אין וועלכער א סך האבן אנטיילגענומען.

די פייערלעכקייט האט זיך אנגעהויבן מיט דער אויסשטעלונג פון זעלבסט־שאפונגען פון די תלמידים, אין וועלכער מען האט געזען זייערע דערגרייכונגען אויף אלע געביטן אין אנשטאלט. דערנאך האט מען געגעבן א העברעישע ארי־גינעלע פארשטעלונג. דער דאזיקער שיינער אוונט, אויף וועלכן די תלמידים זענען ארויסגעטראטן מיט פלייט, כאר, ספארט און א פארשטעלונג — איז געווען א גרויסע איבערלעבונג פאר די געסט און תלמידים פון דער מעברה.

אין דעם דאזיקן נייעם וועג פון צוזאמענפלעכטן לימודים, ארבעט און דער־ציונג, איז פאראן א ברכה פאר דער מדינה און פאר דער יוגנט. בעת די ערשטע תלמידים האבן שוין פארענדיקט זייערע לימודים, האבן מיר איצט מער בטחון פאר דער צוקונפט און מיר זענען גרייט אויפצונעמען נייע יוגנטלעכע.

עקיבא ישי

נעורים — צענטער פאר דארפּישער טרענירונג

דער געדאנק צו גרינדן דעם צענטער איז אנטשטאנען אין יאר 1951 און מיט א יאר שפּעטער איז דער צענטער געגרינדעט געווארן אין זיין פעסטן פּלאץ. די לייטונג פונעם צענטער באשטייט פון: א העלפט פארשטייער פון הדסה, די אנדערע העלפט פארשטייער פון עלית הנוער און דער פארזיצער איז א רעפּרעזענטאנט פון ביידע צדדים; חוצדעם געפינען זיך אין דער לייטונג פארשטייער פון לאנדווירטשאפט־מיניסטעריום און ארבעטס־מיניסטעריום, א ראטגעבער פאר דערציערישע ענינים, א פאך־ראטגעבער און דער לייטער פון אנשטאלט.

דער צענטער באשטייט פון צוויי אפּטיילונגען:

(1) פארפולקאמונג־קורסן פאר עולים־יוגנט און יוגנטלעכע פון עולים־מושבים.

(2) א לאנדווירטשאפטלעכער אינטערנאט פאר 120 יוגנטלעכע פון עלית הנוער וואס קומען פון עולים־מושבים אין עלטער פון 12—16 יאר.

די צוויי אפּטיילונגען זענען צוזאמענגעשלאסן געווארן כדי צו דערמעגלעכן א קאנזעקווענטע דערציערישע און לאנדווירטשאפטלעכע ווירקונג צווישן דער יוגנט וואס געפינט זיך אין אינטערנאט און צווישן די קורסן־באזוכער און פארקערט.

די קורסן: היי־יאר האבן באזוכט קורסן 600 יוגנטלעכע (43 קורסן), אנטקעגן 450 אין פארגאנגענעם יאר (31 קורסן). זיי האבן זיך פארטיילט לויט פאכן:

(1) לאנדווירטשאפטלעכע צווייגן	260 יוגנטלעכע
(2) לאנדווירטשאפטלעכע מעכאניק	72 ״
(3) מלאכה פאר יינגלעך	109 ״
(4) פאכן פאר מיידלעך	159 ״

פאר פארגעשריטענע: אין לאנדווירטשאפט — 3 קורסן, אין מלאכה — 2 קורסן, פאכן פאר מיידלעך — 3. צום ערשטן מאל האבן מיר אויך איינגעארדנט א קורס פאר לאנדווירטשאפטלעכער מעכאניק פאר פארגעשריטענע, אין איינקלאנג מיט די פּראגראמען פון אפּטייל פאר לאנדווירטשאפטלעכער מעכאניק פון דער פלחה־ארבעטער־ארגאניזאציע. בסך הכל 9 קורסן. אין 2 נייע לאנדווירטשאפט־צווייגן האבן מיר היי־יאר באטייליקט די ארטיקע ווירטשאפט אלס א לימוד־פאקטאר. היי־יאר איז אויפגעשטעלט געווארן די שטאל און דער

הינער־שטייג־צוויג, וועלכער איז ביי אונז זייער אנטוויקלט. דאקעגן האבן מיר נישט געהאט קיין מעגלעכקייט צו פירן די קאך־קורסן, ווייל די לימוד־קיך איז נאך נישט אויפגעשטעלט געווארן.

דער יערלעכער קורס־פראגראם

היי־יאר איז פארגעקומען א בולט'ע ענדערונג אין דער פלאנירונג און ארגא־נזירונג פון די קורסן. עלית הנוער האט באשלאסן ארויפצולייגן א געוויסע צאל־באגרענעצונג אויף די יוגנט־חברות, וועלכע מעגן און זענען מחויב צו שיקן זייערע תלמידים צו די קורסן אין צענטער. דער דאזיקער באשלוס איז אנגענומען געווארן צוליב דער פארמערונג פון די ווירטשאפטלעכע באדערפענישן און די דערציערישע פאדערונגען וואס זענען געווענדט כלפי את דער יוגנט. היי־יאר האבן מיר צום ערשטן מאל געארבעט לויט א פריערער פארשרייבונג למשך פון א גאנץ יאר, לויט אן אנגענומענעם און אפגעמאכטן נוהג.

נאך יארנלאנגע אויפקלערונגען אין עלית הנוער, איז אנגענומען געווארן מיט צופרידנקייט דער באשלוס אין דער יוגנט־קאמיסיע פון די קאלאניזאציע־ריכ־טונגען און צווישן דעם אינסטרוקטארן־עולם. דער באשלוס פארפליכטעט צו פאכלעכער אויסבילדונג אינעם צענטער.

ס'דוכט זיך מיר אז ס'וועט נישט זיין אומריכטיק, אויב מיר ווען דאס געענ־דערטע פארהעלטעניש צושרייבן אין א גרויסער מאס אויפן חשבון פון דער טעטי־קייט פונעם צענטער, וועלכער האט באוויזן אז די פאכלעכע אויסבילדונג שטייט נישט אין קעגנזאץ צו די דערציערישע צילן פון עלית הנוער. נאכמער, אפט־מאל באנוצן זיך די אינסטרוקטארן מיט דער דאזיקער אויסבילדונג כדי צו פארשטארקן די נייגונג פון די קינדער — און דווקא פון די באגאבטע צווישן זיי — צו דער חברה און צום קיבוץ.

אדאנק דער פלאנירונג זענען מיר דערגאנגען צו א סטאבילער פראפארציע צווישן די קורסן פאר אנפאנגער און צווישן די קורסן פאר פארגעשריטענע. מיר האלטן אין יעדן צוויג 2 קורסן פאר אנפאנגער און איינעם פאר פארגעש־ריטענע. מיר האבן זיך איבערצייגט אז לויט את דעם סדר, דערגייט דער רוב אבסאלווענטן פון ערשטן עטאפ, אזוי ווייט זיי האבן זיך ערנסט באצויגן צו די לימודים, צו די קורסן פון צווייטן עטאפ.

פאכלעכער איבערבליק: כדי צו פארפולשטענדיקן די פאר־פלאנירונג פון דער ספעציאליזירונג, פעלט אונז דער פאכלעכער איבערבליק איבער דער עולים־יוגנט, דאס הייסט די פארטיילונג פון די חברות־יוגנטלעכע אין די פארשידענע צווייגן פון לאנדווירטשאפט, מלאכה און דינסטן. היינצוטאג איז נישטא קיין שום מעגלעכקייט צו וויסן צי א געוויסער צוויג וואס ווערט געפאדערט דורך דעם אינסטרוקטאר און די פארשידענע אינספעקטארן, באשעפטיקט אין דער אמת'ן א גענוגיקע צאל יוגנטלעכע וואס זאלן פארזיכערן די נויטיקע סעלעקציע כדי צו האלטן לכל הפחות די 2 קורסן פאר אנפאנגער און איין קורס פאר

א קינד פון צפון־אפריקע

קינדער פון פארשידענע גלות׳ן

פארגעשריטענע. דער פאקט איז אז מיר האבן היי־יאר געמוזט ליקווידירן א לאנדווירטשאפטלעכן קורס, צוליב דעם מאנגל אין אנטיילנעמער, ווייל מיר האבן נישט געוווסט די גענויע צאל יוגנטלעכע וואס באשעפטיקן זיך אין דעם צווייג. די ליקווידירונג פון דעם קורס האט אונז גורם געווען אומאנגענעמלעכ־קייטן, סיי לגבי די יוגנטלעכע און סיי לגבי די לערער וואס זענען פארבעטן געווארן אין קורס.

בעת דער איבערבליק וועט געמאכט ווערן, וועט זיך ארויסשטעלן אז ס'איז נויטיק צו באטראכטן שטענדיק די איבערבייטונגען פון די יוגנטלעכע אין די צווייגן. עס וועט זיך אויך ארויסווייזן אז ס'איז נויטיק צו שאפן פארבאדינגונגען כדי די יוגנטלעכע זאלן אויסוויילן דעם פאר זיי פאסיקן צווייג אדער פאך.

די קאמיסיע פון אינסטרוקציע־אפטייל: דער באשלוס פון עלית הנוער איבער דער פליכט פון פאכלעכער אויסבילדונג, וואלט געבליבן אן באדייטונג, ווען מען וואלט נישט געשאפן דעם אינסטרומענט פאר זיין רעאליזירונג. די דאזיקע אויפגאבע איז ארויפגעלייגט געווארן אויף דער קאמיסיע פון אינסטרוקציע־אפטייל, אין וועלכער עס זענען פארטראטן די הויפט־אינספעקציע־געביטן פון אפטייל, ווי אויך די אינסטרוקטארן־ארגאניזאציע, די אויפזיכט איבער נאַ־טורוויסנשאפט־לימודים און פאכן פאר מיידלעך. די קאמיסיע האט זיך באטיי־ליקט, ווי ווייט מעגלעך, אין אלע אונזערע דידאקטישע פראבלעמען. די קאָ־מיסיע־מיטגלידער איז געגעבן געווארן א געלעגנהייט צו באזוכן די לעקציעס און קומען אין א דירעקטן קאנטאקט מיט די לערער, אינסטרוקטארן און יוגנט־לעכע.

יוגנטלעכע פון עולים־מושבים

א סך רעגירונג־אינסטאנצן, נאציאנאלע און באוועגונג־אינסטיטוציעס פאר־נעמען זיך מיט דער דאזיקער יוגנט, און יעדע איינע מיט א גוטן ווילן; ס'איז אבער נאך נישט געשאפן געווארן די איינע אינסטיטוציע, וואס זאל ארומנעמען און צופאסן איר טעטיקייט צו דער עולים־יוגנט, אזוי ווי עלית הנוער.

טראץ אונזער אויפנעם־גרייטקייט, איבער וועלכער מיר האבן צווויסן געגעבן אלע באטרעפנדיקע קערפערשאפטן, האבן מיר היי־יאר נישט באקומען גענוג קאנדידאטן כדי צו האלטן דעם לאנדווירטשאפטלעכן צענטראלן קורס, אזוי ווי ער איז געווען אין די פארגאנגענע יארן.

לאנדווירטשאפטלעכע קורסן פאר אבסאלווענטן פון אנשטאלטן

מיר האבן געהאלטן א קורס פאר אבסאלווענטן פון אנשטאלטן פון דעם פרויען־ארבעטער־ראט אין חדרה. אן אינטענסיווע צוגאב־אויסבילדונג, וואס רייסט נישט אפ די יינגלעך פאר זייער מאביליזירונג צום מיליטער, פון די ווירט־שאפטן פון זייערע עלטערן, איז דער בעסטער וועג פאר די אבסאלווענטן פון פאלקס־אנשטאלטן פאר לאנדווירטשאפט. אבער אין דעם פאל האבן די ארגאני־

זאטארן פון אונז געפאדעט — צוליב געוויסע סיבות — מיר זאלן איינארדנען דעם קורס באלד נאכן אבסאלווירן דעם אנשטאלט. דאס איז געווען, אן ספק, איינע פון די הויפט־סיבות וואס די אנטיילנעמער אינעם קורס האבן נישט אויס־געהאלטן ביזן סוף. א טייל פון זיי האבן זיך אומגעקערט צו די ווירטשאפטן פון זייערע עלטערן און א טייל איז אריבער אויף הכשרה אין א קערן פאר א נייעם מושב. לויט אונזער פראגראם דארף מען איינארדנען אזא קורס, נאכדעם ווי די אנטיילנעמער זענען שוין געווען א געוויסע צייט אויפן פלאץ און האבן באוויזן זיך קלארצומאכן וואס זיי דארפן פארפולקאמען אין זייערע לאנדווירטשאפטלעכע קענטענישן. אזא קורס דארף זיין געמיינזאם פאר די אב־סאלווענטן פון אנשטאלטן בכלל און נישט בלויז פאר אבסאלווענטן פון איין אנשטאלט. מיר פון אונזער זייט וואלטן באטראכט די איינארדנונג פון אזא קורס ביי אונז, אלס איינעם פון די וויכטיקסטע דינסטן וואס מיר קאנען געבן גוטע און פעיקע יוגנטלעכע פון עולים־מושבים. צו אונזער באדויערן, איז אזא קורס נאך נישט ארגאניזירט געווארן.

לאנדווירטשאפטלעכע מעכאניק

דער צוועק פון דאזיקן קורס אין ערשטן עטאפ איז געווען, די יוגנטלעכע זאלן זיך צוגעוווינען שאפירן מיט זיכערקייט און א צו נוצלעכער טאג־טעגלע־כער פלעגע פון די טראַקטארן, גוט באהערשן די פשוטע לאנדווירטשאפטלעכע כלים, אזיווי דאס אקעראייזן און דעם דיסקוס, און לגבי די קאמפליצירטע כלים, זאלן זיי דערווערבן בלויז א גרונטלעכע קענטעניש פון זייער ארבעטס־אופן. די דאזיקע לימודים־ראם איז געווען געווענדט צו ארבעט מיט די טראַק־טארן וואס זענען געשטאנען אין רשות פון יעדן מושב, אבער זינט די טראַק־טארן זענען קאנצענטרירט געווארן אין די באצירקס־סטאציעס, האט זיך דער מצב געענדערט.

לויטן אנקעט וואס מיר האבן געמאכט, האט זיך ארויסגעוויזן, אז נאר 35% פון די אויסגעפרעגטע (צו וועלכע מיר האבן געקאנט צוקומען) זענען ממש טראקטאריסטן; דעריבער האט מען באשלאסן פרווון זיך צופאסן צו דער נייער ווירקלעכקייט און טרענירן פאר יעדן מושב יונגע לאנדווירטן וואס זאלן קאנען אנווייזן די טראקטאריסטן פון די סטאציעס אויפן לאנדווירטשאפטלעכן געביט. ווייל אפטמאל איז פאסירט, אז די דאזיקע טראקטאריסטן וועלכע זענען נישט קיין לאנדווירטן האבן פארדארבן די שטחים ארום די וווינהייזער אין מושב.

די תלמידים האבן אנגענומען מיט א געוויסער רעזערוו דעם נייעם פראג־ראם, וואס האט אנטהאלטן א סך שעה׳ען פון טעארעטישע לאנדווירטשאפטלעכע לימודים, זיי האבן זיך אבער געטרייסט דערמיט, אז אויך דער נייער פראגראם נעמט ארום א געוויסע צאל שעה׳ען פאר פראקטישער ארבעט מיט טראקטארן און לאנדווירטשאפטלעכע כלים.

אזויארום האבן מיר מצליח געווען צו ארגאניזירן א צוויי־עטאפ־קורס פאר

יענע תלמידים וואס האבן פארגעזעצט זייער ארבעט מיטן טראקטאר. די צאל אנטיילנעמער איז געווען דאפלט ווי אין די קורסן פון ערשטן עטאפ, אין וועלכע די טעארעטישע לאנדווירטשאפט־לימודים זענען פארברייטערט געווארן.

לימוד־מעטאדן

דער ספעציעלער טיפ פון תלמיד אין עלית הנוער און די אומשטאנדן אין וועל־כע ער געפינט זיך, פארפליכטן צו א באזונדערער אויפמערקזאמקייט פארן די־דאקטישן פראבלעם אין אונזער ארבעט. מען באמיט זיך צו באטייליקן די תלמידים אין די טעארעטישע פארטראגן דורך זעלבסט־ארבעט. דער כעמישער און ביאלאגישער לאבאראטאריום, טראצדעם וואס זיי זענען אין צייטווייליקע באדינגונגען און זייער אויסשטאטונג איז נאך נישט פולשטענדיק, דאך האבן זיי א סך בייגעטראגן צו דער באקעמפונג פון דער פאסיוויטעט ביי די תלמי־דים.

נאך אן אינסטרומענט פאר דער קאנקרעטיזירונג פונעם טעארעטישן לימוד איז דער וואנדערנדיקער קלאס, דער אויטא פון אונזערע תלמידים, וואס ברענגט די יוגנטלעכע דירעקט אויף די פעלדער, גרינס־גערטנער, שטאלן, עקספערי־מענט־סטאציעס און צענטראלע לאנדווירטשאפטלעכע גאראזשן. מלאכה־תלמידים און מיידלעך ווערן געבראכט אין דעם אויטא צו די נאענטע און ווייטע פאבריקן און ווארשטאטן.

ס׳איז כדאי צו קוקן אין די אויגן פון די תלמידים און זען זייערע שטראלנדי־קע פנימער בעת זיי פארשרייבן זייערע לימוד־איינדרוקן פון אזעלכע אויס־פלוגן.

אריה כהן

רעליגיעזע דערציונג אין עלית־הנוער

צווישן די קינדער וואס קומען צו עלית הנוער, שטאמט א געוויסער פראצענט פון רעליגיעזע משפחות. געוויסע קינדער געפינען זיך נאך אונטער דער השפעה פון דער דערציונג וואס זיי האבן באקומען אינדערהיים און היטן אפ די מצוות פון דער יידישער רעליגיע. אנדערע, וואס די מלחמה־געשעענישן האבן זיי אפגעשניטן אין משך פון א לענגערער אדער קורצערער תקופה פון זייערע פאמיליעס, האבן אינגאנצן פארגעסן די רעליגיעזע מנהגים. און צום סוף, זענען פאראן קינדער, וועמענס רעליגיעז לעבן רעזומירט זיך אין אפהיטן די גרויסע ימים־טובים, אבער וועמענס עלטערן פאדערן זיי זאלן דערצויגן ווערן אין א טראדיציאנעלער סביבה.

די יוגנט־עליה, פארשטייט זיך, רעספעקטירט די רעליגיעזע געפילן פון די קינדער וועלכע קומען צו איר און אויך דעם ווילן פון די עלטערן אויף דעם געביט. איינער פון די ערשטע פרטים, וואס ווערט פארשריבן אין יעדן פערזענלעכן רעגיסטער, באציט זיך אויף דער רעליגיעזער פארגאנגענהייט פונעם קינד. על פי רוב זענען די אינפארמאציעס אויף דעם געביט קלאר, נאר עס זענען פאראן אויך פאלן, ווען מען דארף נאכפארשן כדי צו באשטימען צי דאס קינד דארף דערצויגען ווערן אין טראדיציאנעלן גייסט. עס איז כדאי צו באמערקן, אז אלע קינדער וועלכע וואקסן אויף אין ישראל ווערן דערצויגן אלס יידן. אין אלע שולעס אין לאנד, סיי אין א קיבוץ פון וועלכער־ניט־איז באוועגונג, סיי אין דארף אדער אין די שטעט, אומעטום פארנעמט דער לימוד פון תנ״ך א גרויסן פלאץ אין שול־פראגראם. אומעטום אין לאנד פייערט מען די ימים־טובים, וועלכע באדייטן א וויכטיקן דערציערישן פאקטאר אין אלע קרייזן פון דער באפעלקערונג. שבת איז דער אפיציעלער רו־טאג, און אפילו די וועלכע גייען ניט דאווענען אין שול, פילן דאך דאס באזונדערע אין דעם טאג. פארשטייט זיך אבער, אז אפילו אין ישראל איז פאראן א גרויסער אונטערשיד צווישן א פרייער און א שטרענג־רעליגיעזער דערציונג.

וואס האט עלית הנוער געטאן כדי צו פארזיכערן א פאסיקע דערציונג פאר די רעליגיעזע קינדער ? בדרך כלל ווייסען די באאמטע און דערציער פון עלית הנוער צי א קינד איז רעליגעז אדער נישט. ווען די קינדער קומען אן אין אויפנעם־לאגער פון רמת־הדסה, ווערן די יעניקע וואס שטאמען פון רעליגיעזע קרייזן, באזונדערס גרופירט, און מען גיט זיי איבער אין די הענט פון רעליגיעזע

דערציער. אזוי ארום בילדן זיי גלייך אין אנהויב באזונדערע גרופעס, און כאטש זיי באטייליקן זיך אין אלגעמיינעם פראגראם, דאך לעבן זיי, חוץ דעם בשותפות׳דיקן טעגלעכן סדר־היום, אין א רעליגיעזן קרייז. אונטער דער ליי־טונג פון זייערע אינסטרוקטארן דערפילן זיי די מצוות פון דער תורה, פייערן די־ימים־טובים אין טראדיציאנעלן גייסט און זייער שול־פראגראם נעמט ארום קעגנשטאנדן וואס זענען ענג פארבונדן מיט די מצוות.

אבער וואס פאסירט מיט די קינדער ווען זיי פארלאזן דעם אויפנעם־לאגער? בעת זיי פארלאזן רמת־הדסה, ווערן די קינדער פון עלית־הנוער על פי רוב געשיקט אין די פארשידענע קיבוצים אין לאנד. די דאזיקע לייזונג איז ניט תמיד פאסיק פאר רעליגיעזע קינדער, היות די צאל רעליגיעזע קיבוצים אין לאנד איז קליין. דער הפועל המזרחי, די באוועגונג פון רעליגיעזע חלוצים, האט געגרינדעט ביז איצט בלויז א קליינע צאל לאנדווירטשאפטלעכע קאלאניעס, וואס זענען ניט מסוגל אויפצונעמען אלע רעליגיעזע קינדער פון דער יוגנט־עליה. כדי צו געפינען א לייזונג פאר דעם מצב, איז געגרינדעט געווארן א ספעציעלער אנשטאלט: כפר הנוער הדתי (א דארף פון רעליגיעזער יוגנט). דער איניציאטיוו איז געקומען פון די דייטשע רעליגיעזע ציוניסטן, וועלכע האבן אין אנהויב מאביליזירט א טייל פון די פאנדן און האבן פעסטגעזעצט דעם לערן־און ארבעטס־פלאן. דאס רעליגיעזע דארף איז געגרינדעט געווארן אין 1938 און איז אין אנהויב אונטערשטיצט געווארן דורכן דייטשן הפועל המזרחי, אין צו־זאמענארבעט מיט עלית הנוער. היינצוטאג געהערט עס אינגאנצן צו עלית הנו־ער, וועלכע דערציט דארט א גרויסן טייל פון אירע רעליגיעזע קינדער.

כפר הנוער הדתי געפינט זיך אין עמק זבולון, אביסל אפגעווענדט פון שא־סיי חיפה—עכו. ער פארמאגט, חוץ זיין וויין־קווארטאל, א צוגאב פון 1200 דו־נאם פרוכטבארן באדן. פארשטייט זיך, אך דער גאנצער לערן־פערסאנאל, די לייטונג, באאמטע — אלע זענען רעליגיעזע יידן, על פי רוב חברים פון דער רעליגיעזער ארבעטער־פארטיי, הפועל המזרחי.

כפר הנוער הדתי צעטיילט זיך אין צוויי דערציערישע אינסטיטוציעס, וואס איינע דערגאנצט די אנדערע. די ערשטע נעמט אויף קינדער אין עלטער פון וויניקער ווי 14 יאר, און פארטיילט זיי לויט זייער עלטער און בילדונג אין די 10 קלאסן פון פאלקס־לימודים. קינדער פון מער ווי 14 יאר קומען אריין אין דער לאנדווירטשאפטלעכער שולע, וועלכע באשטייט איצט נאר פון צוויי קלאסן. עס איז באשלאסן געווארן איר צוצוגעבן נאך צוויי קלאסן; אזוי ארום וועט די לימודים־תקופה דויערן פיר יאר.

אין דער פאלקס־שולע ווערן די קינדער צוגעוויינט צו א לעבן פון פראדוק־טיווער ארבעט, פון אנהויב אן. זיי ארבעטן, אין דורכשניט, 2,5 ביז 3 שעה א טאג אויף די פעלדער און דעם רעשט פון טאג ווידמען זיי פאר לימודים. אין דער לאנדווירטשאפטלעכער שולע באטרעפט דער פראגראם 4 ארבעטס־שעה און 4 לימודים־שעה.

אלע ארבעטס־צווייגן געפינען זיך אין די הענט פון די תלמידים פון דארף, וועלכע ארבעטן, פארשטייט זיך, אונטער דער אויפזיכט פון ספעציאליסטן אין די פארשידענע געביטן. די שולע פארמאגט וויין־גערטנער, קארן־פעלדער און א גרויסן גרינס־גארטן. דאס דארף פארמאגט 40 פי און אין די הינער־שטייגן געפינען זיך 4,300 עופות. צווישן די וויכטיקע איינריכטונגען פון דארף, געפינט זיך אן אינקובאטאר וואס פארנעמט 800 אייער. אין דארף זענען פאראן די מאדערנסטע לאנדווירטשאפטלעכע אפאראטן, צווישן זיי צוויי טראקטארן, א קאמביין, און נאך אנדערע.

ביים סוף פון זייערע לימודים, וועלן די תלמידים אריבערגיין אין די לאנד־ווירטשאפטלעכע קאלאניעס פון הפועל המזרחי, אדער זיי וועלן גרינדן נייע רע־ליגיעזע דערפער.

אבסאלווענטן פון עלית הנוער וועגן זיך
און וועגן זייערע דערפארוגען אין דער הכשרה

אין 20־יאריקן יובל פון עלית־הנוער איז איינגעארדנט געווארן א שטודיום טאג אין בית ציוני אמריקה פון תל־אביב וועגן אויפנעם און דערציונגס־פראבלעמען, אין וועלכן עס האבן אנטיילגענומען מיטארבעטער פון דעפארטאמענט, דער העברעישער שרייבער־פאריין, זשורנאליסטן־פאריין און אנדערע איינגעלאדענע. צום סוף האבן אויך אייניקע אבסאלווענטן פון עלית הנוער ארויסגעזאגט געווי־סע געדאנקען, וואס מיר ברענגען דא:

יהודית, קבוצת גזר: אלס אבסאלווענטין פון עלית־הנוער איינע פון די מאסן וואס פילן ליבע צום דאזיקן ווערק שוין לאנגע יארן, האלט איך עס פאר א באזונדער זכות זיך צו באטייליקן פון צייט צו צייט אין איר יום־טוב. איך קען פיל ניט בייטראגן צו דער אפשאצונג פון עלית־הנוער. איך קען ניט זינגען קיין לויב־געזאנגען, איך קען ניט מאכן קיין פארש־ארבעט, קיין וויסנ־שאפטלעכן עסיי, איך קען ניט אנגעבן קיין ציפערן און ציען מסקנות. איך וועל מיך באנוגענען מיט א פשוט׳ער מעשיה, און מיט א שילדערונג פון א פער־זענלעכער איבערלעבונג, וואס טויזנטער יוגנטלעכע האבן זוכה געווען צו איר. עס איז א קליין קאפיטל אין א בונטער מאזאיק פון יארן, פון יוגנט־געזעלשאפטן וואס קומען פון פארשידענע לענדער, פארשידענע רעזשימען און פארשידנאר־טיקע לעבנס־שטייגער.

מיין געשיכטע איז די געשיכטע פון א גרופע יינגלעך און מיידלעך וואס הויבט אן מיטן קאלטן ווינט וואס האט זיך ארייננעריסן אין זייערע ווארעמע היימען פול מיט עלטערן־ליבע. א בייזער ווינט וואס האט באדראט צו צעשטערן אלץ. זייער שנעל זענען די יוגנטלעכע געשטאנען פנים־אל־פנים מיט דער אכזריות׳דיקער ווירקלעכקייט אין אייראפע אין די לעצטע יארן פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה. די דאזיקע ווירקלעכקייט האט צוגענומען דעם באדן אונ־טער זייערע פיס, אין פיזישן און גייסטיקן זין צוזאמען. די וועלט וואס האט זיך פאר זיי געעפנט האט ניט בלויז געשטעלט אין סכנה זייער לעבן, נאר אויך די יונגע נשמה פון 14—15־יאריקע. זיי זענען געווען געגליכן צו פארלוירענע נשמות וואס זוכן א וועג אין לאבירינט פון די וועלט־געשעענישן. דעם נאמען פון עלית הנוער האבן זיי שוין געהערט אין 1939, דאך זענען די ספקות געווען גרויסע און די עלטערן וואס האבן באגלייט זייערע קינדער צו עליה, האבן גאר־ניט געוווסט אויב און ווען זיי וועלן זיי נאך זען. לאנג און זיגזאגיק איז געווען

דער וועג פון דער יוגנט־גרופע, צונויגעשטעלט פון קינדער פון עטלעכע לענ־דער, ביז זיי האבן זוכה געווען אין א פאר יאר ארום אויפצובויען זייער אייגע־נע היים. דאס איז געשען אינמיטן דער מלחמה. די היטלעריסטישע הערשאפט האט זיך אויסגעשפרייט, די סכנה איז געוואקסן און צוזאמען מיט איר, די טעטי־קייט פון עלית הנוער. בשעת די געוויינלעכע וועגן צו ארץ־ישראל האבן זיך פאר־שפארט, זענען אפגעפונען געווארן זייטיקע וועגן, אפטמאל שווערע און מסוכנ׳־דיקע, אבער טייערע. עלית הנוער האט ניט איבערגעלאזט קיין איין יינגל אין חוץ־לארץ, אויב עס איז נאר געווען א מעגלעכקייט אים אראפצוברענגען אין לאנד. אין איינעם פון די אומגלייכע וועגן, זענען מיר אויך געגאנגען אין יאר 1941, בעת מיר האבן כמעט פארגעסן דעם טעם פון אן אייגענער היים און פון א וועלכן־ניט־איז זיכערקייט־געפיל. מיר האבן זוכה געווען צו א נייער היים וואס מיר האבן אפילו זיך ניט באמיט זי צוצוגרייטן.

בעת איך דערמאן די פערזענלעכע זכרונות, מוז איך אויך דערמאנען אונזער ערשטן אויפנעם־פלאץ, דאס קינדער־דארף בן־שמן. איך ווייס זייער גוט אז דאס איז בלויז איין גליד אין דער גרויסער נעץ פון אויפנעם־פלעצער. אבער נאטירלעך איז, אז פאר אונז איז דער באגריף פון עלית־הנוער אומצעררייסבאר פארבונדן מיטן אויפנעם־פלאץ — אונזער צווייטע היים. דארט האבן מיר צום ערשטן מאל איינגעזאפט די לופט פון ארץ־ישראל, געמאכט די ערשטע שריט אין דער העברעישער שפראך, גענומען אין די הענט ארבעטס־געצייג און זיך אנגעהויבן פארבינדן מיטן נייעם היימלאנד אדאנק אן אינטענסיוון לעבן פון ארבעט, למודים און געזעלשאפטלעכער שאפונג. א רייך יוגנט־לעבן וואס ניט פיל יידישע יוגנטלעכע האבן אין יענער צייט געהאט דאס גליק צו פארמאגן.

פיל צייט איז אריבער זינט מיר האבן פארלאזט די ראם פון עלית הנוער. מיר זענען עלטער געווארן, פיל דורכגעלעבט, ווי יעדער ייד אין אונזער דור. מיר האבן דורכגעמאכט שמחות און אומגליקן, ווי יעדער מענטש... אבער דאס אלץ האט ניט געקאנט פארטושן די טייערע און לויטערע יוגנט־זכרונות. עס פליען נאך עד היום די געדאנקען העט ווייט צו די צייטן פון "הנוער". די דאזיקע זכרונות זענען נאך ביז היינט מסוגל ארויפצוברענגען א פרייד־שמייכל אויף אונזערע פנימער. יא, דאס איז געווען א שיינע יוגנט. ווייל איז דעם מענטש וואס קען אזוי זאגן און ווייל איז יענע וועלכע האבן אונז דאס געגעבן.

די דערציונגס־תקופה אין עלית הנוער הייסט זיך איינווארצלען אין לאנד אין פולן און פשוט׳ן זין פון ווארט. דאס איז א נייער ערד־באשאף אונטער די פיס, א פעסטע און זיכערע ערד. עטלעכע יסודות האט זי: די העברעישע שפראך, דער נויטיקער פארבאדינג כדי זיך צוזאמענשמעלצן מיטן ישוב און צוקומען צו אונזערע קולטור־אוצרות; דערציונג צו פאטערלאנד־ליבע, ניט אן אבסטראקטע ליבע, נאר ממש א פארבינדונג מיטן פייזאזש פון לאנד, מיטן ישוב, זיינע פראב־לעמען, צילן און מיסיעס פון פאלק; די שאפונג פון א פאזיטיווער באציונג צו ערד־ארבעט וואס איז געווען פרעמד דער יידישער יוגנט, דאס אוועקשטעלן די

ארבעט אין צענטער פון לעבן, און איבער אלץ א דערציונג צו א סאציאלן לעבן: לערנען סאציאלע פראבלעמען, שטרעבן צו א גערעכטן לעבן.

זייער פיל מי האט מען אריינגעלייגט אין אונזער דערציונג, אבער זי האט זיך באצאלט. די צענדליקער ישובים וואס זענען צעשפרייט איבערן לאנד און וואס זענען אויפגעשטעלט געווארן דורך דער יוגנט, זענען פרעכטיקע ווירט־שאפטן, ממש חן־פינטעלעך אויף די בערג, טאלן און מדבריות פון לאנד. זיי זאגן עדות אז ניט אומזיסט איז געווען די מי. די שעפערישע בוי־ארבעט, דאס קאלעקטיווע סאציאלע לעבן און די אויפנאם־קאפאציטעט האבן דאס ארויס־געוויזן סיי אין שלום־צייטן און סיי בעת דער מלחמה. די צענדליקער ישובים און אויך מיין היים, קבוצת גזר, נאכדעם ווי זיי זענען חרוב געווארן נאך דער וועלט־מלחמה און זייער ערד האט איינגעזאפט דאס בלוט פון די חברים, פראקלא־מירן מיט זייער עצם קיום פאר דער גאנצער וועלט ווי גערעכט עס איז געווען דער וועג פון עלית הנוער, ווי כדאי עס איז געווען זיך אפצוגעבן אזוי פיל מיט דער דערציונג וואס האט געבראכט אזא שיינע פרוכט. ניט נאר די געראטע־וועטע קינדער זענען דאנקבאר עלית הנוער, נאר דער גאנצער ישוב ווייסט וואס פארא מעכטיקער אינסטרומענט דאס איז. אויך ווען צייטן האבן זיך געבי־טן האבן מיר געזען עלית הנוער ווי זי דערגאבערט א נייע יוגנט, דרינגט אריין אין נייע ווינקלען. אמת, עס זענען פאראן סטאטיסטיקעס פון ציפערן, א חשבון פון דערגרייכונגען און דורכפאלן, אבער דאס אויג זעט פונדאסניי נייע יוגנט־חברות פון ווייטע לענדער און פארשידענע קולטורן וועלכע ברייטערן אויס און באפעסטיקן דאס גרויסע ווערק פון עלית הנוער. אפטמאל באגלייט דער בליק א נייע חברה וואס איז נארוואס אנגעקומען, א גרופע דערשראקענע קינדער, וועמען עס פעלט עלעמענטארע דערציונג און בילדונג און דערנאך זעען מיר זיי ווידעראמאל און שטעלן פעסט די גרויסע ענדערונג וואס איז מיט זיי פארגעקו־מען נאכן דורכמאכן דעם שמעלצטאפ פון עלית הנוער. דאס זענען מאמענטן פון התרוממות הנפש. אויב אפילו דער גאנצער ציל וועט ניט דערגרייכט ווערן און די דאזיקע קינדער וועלן ניט אויפגענומען ווערן אלע אין א שעפערישער ארבעט, איז אויך גרויס אונזער טייל. דער שטעמפל פון עלית הנוער וועט ניט אפגעמעקט ווערן, די השפעה וואס עלית הנוער האט אויף זיי אויסגעווירקט אין דעם גורל׳דיקן עלטער וועט ניט זיין אומזיסט. מעג דאס יינגל ווו ער וויל, אבער ער וועט מיט זיך נאכטראגן דעם באגאזש.

מיר האבן שוין געזען די אבסאלווענטן פון עלית הנוער נעמען אויף יוגנטלע־כע ביי זיך אין שטוב, דינען ווי א מוסטער און גיבן אנדערע די ווארעמקייט און ליבע וואס זיי האבן אליין געקראגן אין זייער יוגנט.

אזוי גייט איבער דאס פייער וואס איז אנגעצונדן געווארן מיט 20 יאר צוריק אין הערצער פון נאבעלע מענטשן, פון הארץ צו הארץ.

דער יום־טוב פון עלית הנוער דארף זיין דער יום־טוב פון גאנצן יידישן פאלק אין דער גאנצער וועלט, אבער ראשית כל איז ער אונזער יום־טוב. צום יובל

באגריסן מיר עלית־הנוער פון גאנצן הארצן און זאגן איר: זיי געבענטשט מיט דיינע מעשים! נעם אויף אין דיינע ארעמס יוגנט וואס ווארט אויף דיר אין די גלות־לענדער; שפרייט אויס דיינע פליגל אויך איבער די גלות־לענדער ווו מיר האבן נאך ניט געקענט ארייננדרינגען און זיי געבענטשש אין אלע דיינע טואונ־גען.

אהובה, כפר סאלד: איך בין פון בבל. אין בין עולה־געווען אין 1950. אין אויסלאנד האב איך זיך דערצויגן אין דער אומלעגאלער חלוץ־באוועגונג און דא אין לאנד אין דער יוגנט־געזעלשאפט פון גינוסר. איצט בין איך אין נחל, און ווין אין דארף וואס טראגט דעם נאמען פון דער שעפערין פון עלית הנוער הענריעטא סאלד. אין חוץ־לארץ האב איך זיך אנגעהערט וועגן לאנד, וועגן קיבוץ, אבער זייענדיק דא, אדאנק דעם מדריך און אדאנק דער ווירטשאפט ,האב איך זיך באקענט מיט א סך פלעצער אין לאנד, זיך אויסגע־לערנט די העברעישע שפראך און דערווארבן אלע ידיעות וואס א קולטור־מענטש דארף האבן.

איך וואלט וועלן אז יעדער יוגנטלעכער אין ישראל, אין מעברות אדער פאר־שטעט, זאל באקומען די דערציונג וואס עלית הנוער האט מיר געגעבן אין קבוץ המאוחד, אז יעדער בחור זאל פארווירקלעכן זיין אידעאל אין גרענעץ־ישובים, ווייל אונזער לאנד וועט ניט וואקסן אויב מיר וועלן זיך אין אים ניט באזעצן.

מיר לעבן אין א קיבוץ און מיר וועלן לעבן אין קיבוץ. טראצדעם וואס געווי־סע עלטערן ווייסן ניט אפצושאפן דעם קיבוץ. זיי האבן אויך ניט געוווסט אפצו־שאצן מיין חברשאפט אין א אומלעגאלער חלוץ־באוועגונג. זיי זענען געווען קעגן מיין עליה. דער פאקט איז אבער, אז ניט נאר איך בין עולה־געווען, נאר איך האב אויך זיי געבראכט.

לויט מיין מיינונג מוז די יוגנט אין עלית הנוער און אין קיבוץ בכלל ארויס־גיין און דערציען אונזערע חברים, אז זיי זאלן קומען צו דער יוגנט־געזעלשאפט אין קיבוץ. עלטערן וועלן זען און משלים זיין מיטן פאקט, אז זייערע קינדער דארפן לעבן אין דער פארם וואס בויט דאס לאנד. מיר גלויבן אז זיי וועלן נאך בויען און בויען.

אין נאמען פון ייגגלעך און מיידלעך וועלכע האבן זיך דערצויגן אין קבוץ המאוחד אין דער ראם פון עלית הנוער, דאנק איך אלע אינסטיטוציעס וואס העלפן מיט אויסצוהאלטן די עלית הנוער.

מיר וועלן אנהאלטן דעם וועג וואס עלית הנוער און דער קיבוץ בכלל האט אנגעהויבן. אינגיכן וועט מיין גרופע קענען פארווירקלעכן איר שטרעבונג. מיר ווילן דערגענצן א גרענעץ־ישוב ערגעץ אין לאנד.

יוסף, משגב־עם: אלס אבסאלוטענט פון עלית הנוער און פארווירק־לעכער פון איר רצון, אלס חבר פון משגב־עם אויפן לבנון־גרענעץ באגריס איך אלע וואס באשעפטיקן זיך מיט דער הכשרה פון דער יוגנט־עליה.

איך שטאם פון פוילן. כ׳האב דורגעמאכט אלע דערנידעריקונגען אין די נא־

צישע צייטן, נאך דער מלחמה זענען מיר פארבליבן אן עלטערן, ניט געוווסט ווו זיך אהינצוטון, און אט קומט צו אונזער הילף עלית הנוער, דורך די יוגנט־באוועגונגען ביי דער ארבעטנדיקער קאלאניזאציע. מיר ווערן ארגאניזרט און אויפגענומען שפעטער אין שפיים. מיר זענען געווען א גרופע פון 40 יוגנטלעכע פון 11 לענדער. איך האב קיין ספק ניט אז נאר אין דער ראם פון עלית הנוער קען אזא גרופע פון מזרח און פון מערב זיך פאריייניקן און בילדן אן אייגהייט־לעכע, אויסגעפורעמטע געזעלשאפט. אין רעזולטאט פון דער דערציונג טרעטן מיר אריין אין פלמ״ח. אויך אין מיליטער האבן מיר אויסגעהאלטן און פאר־בליבן אן ארגאניזירטע גרופע. מיר האבן זיך באשטימט דעם וועג אין דער צוקונפט. נאך דער מלחמה איז אונזער וועג געווען: לאנדווירטשאפטלעכע קא־לאניזאציע און דווקא אין פלעצער וואס פאדערן חלוצישן דערגאבערונגס־גייסט. איך האב עס געזען אין ניצנה. זייער וויכטיק וואס די יוגנט פון עלית הנוער באטייליקט זיך אין דעם ארט. אין גבעת־רחל זיצט א טייל חברים וואס זענען דערצויגן געווארן אין עלית הנוער. איך ווייס ניט וואס וואלט געווען דער גורל פון טויזנטער יוגנטלעכע ווען זיי וואלטן ניט געווען דערצויגן אין עלית הנוער. און מיר מיינען דא ניט יוגנט פון אריענט־לענדער, נאר אויך פון מערב.

יא, עלית הנוער האט פיל אויפגעטאן און וועט נאך פיל אויפטאן. מיר זענען נאך וויניק אין לאנד. דער אנטייל פון דער יוגנט איז קליין. דערפאר לאמיר ווינטשן די אינסטיטוציעס פון עלית הנוער און די אלע וואס העלפן איר, א פרוכטבארן המשך און א פארשטארקטע טעטיקייט. מען דארף ארגאניזירן זאמל־פונקטן פון עלית־הנוער אבסאלוטענטן. זאל די יוגנט אין לאנד און אין אויס־לאנד הערן וואס טראכטן די מענטשן וועלכע זענען מיט עטלעכע יארן צוריק געווען תמימות׳דיקע קינדער מיט אן אומקלארער צוקונפט און איצט זענען זיי אזוי ווי זיי זענען.

דריי בריוו

א. קינדער שרייבן פון אינדיע

טייערע ברידער אונזערע, צי ווייסט איר ווער מיר זענען? מיר זענען נײַן קליינע בירגער פון ישראל. מיר זענען געווען צען, אבער איצט זענען מיר נאר נײַן, ווייל איינער פון אונז — דער קליינער הלל — איז ארויפגעשטיגן אין הימל, באלד נאך אונזער אנקומען דא, ווי ווען ער האט ניט געוואלט לעבן מחוץ די גרענעצן פון ישראל.

מיר געפינען זיך אין אינדיע, ווייל אונזערע עלטערן האבן באשלאסן אונז אהער צו ברענגען. איצט ווארטן מיר מען זאל אונז צוריקפירן קיין ישראל; מיר מוזן ווארטן, ווארעם וואס קאנען מיר טאן? צופוס קאנען מיר ניט גיין קיין ישראל, און ניט פליען אהין, און אויך ניט שווימען אהין. היות מיר האבן ניט קיין אנדערן אויסוועג, מוזן מיר ווארטן ביז מען וועט אונז צוריקנעמען קיין ארץ־ישראל.

פון צייט צו צייט הערן מיר פון אונזערע ברידער און שוועסטער עטלעכע העברעישע ווערטער; די ווערטער קלינגען אין אונזערע אויערן און מיר זאגן צו אונז אליין: אפשר וואלטן מיר פאר דער צייט שוין געקאנט ריידן פריי אין א גוטן העברעיש — דאס ווארט "אפשר" איז א קליין ווארט, אבער וואס פארא טרויריק ווארט. ווען אונזערע עלטערן וואלטן דאס ניט געמאכט — ווען זיי וואלטן אונז ניט ארויסגענומען פונעם לאנד — ווען זיי וואלטן אונז כאטש אליין געלאזט — ווען מיר וואלטן כאטש געקאנט זאגן "ניין". ווען מיר וואלטן כאטש געקאנט שטרייקן און זאגן מיט זיכערהייט: מיר גייען ניט! — ווען — ווען — ווען!

אונזערע עלטערן האבן געמאכט פעלער — און איצט האבן זיי חרטה. צי מיינט איר אז ס׳איז גערעכט אז מיר זאלן ליידן פאר די פעלער, פאר וועלכע מיר זענען ניט פאראנטווארטלעך? אבער אזוי איז עס.

ישראל איז אונזער היימלאנד. מיר זענען געבוירן אלס בירגער פון ישראל. צי מיינט איר ניט אז מיר האבן א רעכט צו זיין אין ישראל אין קבוצת אפיקים, דפנה, מעיין, שפיים, אדער אין עטלעכע אנדערע ערטער, ווו עס האבן אונז געפלעגט ליבעפולע הענט און פריינטלעכע מענטשן האבן זיך פאר אונז געזארגט.

אויב יא, טא נעמט אונז צוריק! לאזט אונז נישט בלייבן ווייט פון דעם לאנד אין וועלכן מיר זענען געבוירן, אונזער היים!

ב. א שילערין שרייבט צו אירע עלטערן

טייערע מוטער און פאטער, מיר זענען געזונט און מיר האפן אז אויך איר פילט אייך גוט. בעת מיר זענען אנגעקומען אין לאנד, האט מען אונז גענומען פון שער העליה אין רמת־הדסה. פארבייפארנדיק אין אויטא, האבן מיר געזען די שיינע הייזער פון חיפה, וועלכע ליגט אויף א זייער שיינעם ארט. אין רמת־הדסה זענען מיר קודם אריין אין ביורא, און דארט האט מען אונז געזאגט, מיר זאלן גיין אין מאגאזין כדי צו נעמען די קליידער. מיר זענען געגאנגען אין מאגאזין און דארט האט יעדער פון אונז באקומען א פעקל וועש, א האנטוך, א חאקי־בלוזקע און א יופקע. מיר האבן זיך אפגעוואשן און נאכדעם ווי מיר זענען געווען אנגעטאן, זענען מיר אריינגעגאנגען אין שיינעם עס־זאל, וואס האט פאר אונז אויסגעזען ווי א פאלאץ. דאס עסן איז געווען אויסגעצייכנט: געקאכטע קארטאפלען, פוטער, שווארץ ברויט, סארדינעס, פיש, אוגערקעס, קעז, אליוון, א לאקשן־זופ, אייער, טאמאטן, סמעטענע, וויינטרויבן, א. א. וו. די זאכן האבן מיר באקומען טאג־טעגלעך, אבער פרייטיק און שבת האבן מיר דערהאלטן נאך בעסער עסן. פרייטיק און שבת קריגן מיר ווייס ברויט און אויך קוכן, באמבאנעס און ביסקוויטן. דער לערער האט אונז אפילו געגעבן לופט־פאסט־פאפיר, כדי מיר זאלן קענען שרייבן אהיים.

אין רמת־הדסה זענען מיר געווען 11 טעג, ביז מען האט אויסגערופן אונזערע נעמען און אונז איבערגעפירט קיין כפר־בתיה. דארט האבן מיר קודם כל דורכגעמאכט א מעדיצינישע אונטערזוכונג. מען האט אוועק געשיקט די באגדאדער און די קוטשינער, און די "בני ישראל" זענען נאך פארבליבן אין רמת־הדסה. בשעת מען האט אונז אוועקגעשיקט פון רמת־הדסה, האט מען אונז געגעבן א נייע חאקי־יופקע, א בלויע בלוזקע, א פאר ברוינע שיך און נאך אנדערע אויסשטאטונג. דעם אנדערן פרימארגן האט מען אונז אין אן אויטא געבראכט אין אנשטאלט אין כפר בתיה, נעבן רעננה. מיר זענען דא זייער צופרידן און מיר פילן זיך אויסגעצייכנט. דא האבן מיר באקומען נייע וואש־כלים און א תפילה־סידור. מען האט מיר צוריקגעגעבן די רויטע יופקע וואס איך האב געטראגן אין באמביי. משה און אהרן זענען איינגעארדנט געווארן ביי פעלד — ארבעט. די דריי מיידלעך לוי און איך האבן געבעטן די אינסטרוקטארין זי זאל אונז שיקן צו פעלד־ארבעט. אליס און דער פעטער דוד זענען געקומען אונז באזוכן אין א טאג, און אליס האט דערציילט, אז זיי זענען געווען אין דער יידישער אגענץ כדי צו מאכן די נויטיקע צוגרייטונגען פאר אייער קומען אין לאנד. איר וועט פון אים אוודאי באקומען אן ענטפער אין צוויי וואכן ארום. דערווייל האט מען זיי שוין ארויסגעשיקט די וויזע (צו הער שמידט) און איך בעט דיך, טייערע מוטער, גיי צו אים אריבער און גרייט זיך איינגיכן צו פאר דער עליה.

איך האב געהערט אז דער אעראפלאן פון באמבײ קיין ישראל איז ארויסגעפלויגן דעם 27־טן דעם חודש און איך האב צו זיך געזאגט: „הלואי איר זאלט אנקומען מיט דעם אעראפלאן", אבער אויב איר וועט ניט באוויזן, ס'מאכט ניט אויס, — קומט מיטן צווייטן אעראפלאן. דאס לעבן איז דא זייער גוט. איך קוש אייך אלע, קיטי.

ג. א גרוס פון חברת „גאולים"

טייערע חברים און געשעצטע עלטערן; אין נאמען פון חברת „גאולים" גיבן מיר איבער אונזער ברכה און דאנק דער יוגנט־עליה, דעם פרויען־ארבעטער־ראט, דער קאלאניזאציע־באוועגונג, אלע לערער און אינסטרוקטארן און די יוגנט־חברות „ניצנים", „שלהבת" און „מפלסים". אדאנק דער יוגנט־עליה וועל־כע האט אונז צוזאמענגענומען פון פארשידענע ערטער אין לאנד, זענען מיר געווארן א צוזאמענגעשמידטע געזעלשאפט. זײ האבן מצליח געווען, אדאנק זייער פעסטן ווילן, אונז צו ארגאניזירן און אין אונזערע הערצער איינברענגען דעם חלוצישן גייסט פון דער קאלאניזאציע־באוועגונג. אדאנק זײ זענען מיר גע־קומען צו דער פרויען־ארבעטער־ווירטשאפט אין חדרה. אין דער פארם האבן זיך פאר אונז געעפנט די טויערן פון לאנד, דא האבן מיר באקומען קענטענישן אין דער העברעישער שפראך, מיר האבן געלערנט איר היסטאריע אין דער פארגאנגענהייט און אין דער קעגנווארט; א סך האבן מיר געלערנט. מיר האבן באקומען הכשרה אין דער ארבעט, א זאך וואס דערמעגלעכט אונז א גליקלעך לעבן און גוטע באציונגען צווישן איין מענטש מיטן אנדערן. אזוי ארום האבן מיר זיך צוגעוווינט צו א געזעלשאפטלעך לעבן, וו מיר חבר'ן זיך און פארמישן זיך מיט די פארשידענע עדות. די טעג וואס מיר האבן געוווילט אין דער ווירט־שאפט זענען געווען זייער אנגענעם, אבער ווי א חלום זענען זײ פארגאנגען. איצט טראטן מיר אריין אין א נײ לעבן, וואס איז גאר אנדערש ווי דאס אנגע־נעמע יוגנט־לעבן. אייניקע גייען גרינדן א קאלאניזאציע־קערן אין פארשידענע פונקטן אין לאנד און אנדערע קערן זיך אום אין די היימען פון זייערע עלטערן אין דארף און אין שטאט. יעדער איינער לויט זיין ווילן.

אמת, אונזער חברה האט געהאט א סך שוועריקייטן, סײ מאנגל אין אינסטרוק־טארן, סײ ווייל די עלטערן האבן ניט געהאט גענוג מיטלען צו לאזן לערנען זייערע קינדער אין קיבוץ. עס זענען געווען שוועריקייטן אויף אלע געביטן. אבער מען האט אונז אויפגענומען מיט א גוטן ווילן. עס איז צו באדויערן אז אייניקע פון דער חברה האבן זי פארלאזן; און פארוואס? צוליב דער געלט־תאווה וואס האט פארבלענדעט זייערע אויגן און האט זײ אראפגעפירט פון ריכטיקן וועג. אבער כאטש־אזוי איז עס דער חברה געלונגען ארויסצוגיין הייַנט אלס א צוזאמענגעשמאלצענע גרופע, א חברה פון וועלכער עס קומען ארויס יינגלעך און בויען אויף דאס לאנד. זײ בויען זייער היים און די היים פון זייער פאלק, די יונגע און נאך ארעמע מדינה. מיר גייען רעאליזירן די ישראל'דיקע נבואה, מיט פיזישער און גייסטיקער ארבעט. אדאנק אונזערע לערער, וועלכע

האבן אפילו זייער פרייע צייט ניט באנוצט פאר זייער פריוואטער הנאה, נאר האבן אונז דאס געגעבן וואס האט אונז געפעלט, האבן פארפולשטענדיקט וואס מיר האבן ניט געוווסט, אזויווי למשל: נאציאנאלע ענינים, מלוכה־פראגע, קונסט, היסטאריע פון ציוניזם, פון דער ארבעטער־ארגאניזאציע, שיינע ליטע־ראטור, א. א. וו. מיר האבן דאס אלץ אנגענומען מיט ליבשאפט. מיר האבן געשווירן אז אין קיין שום לאגע וועלן מיר ניט אונטערשאצן די דאזיקע יסו־דות וואס זיי האבן אונז איבערגעגעבן, נאר מיר וועלן ווייטער לערנען און מיר וועלן זיין "גאולים" וועלכע פלאסטערן די וועגן פון חלוצישער דערציונג פאר די וועלכע קומען נאך אונז אהער. אזוי וועט די לערנענדיקע און ארבעטנדיקע יוגנט טאן פון היינט להבא.

הענריעטא סאלד

הענריעטא סאלד איז מיט 92 יאר צוריק געבוירן אין באלטימאר, פאראייניקטע שטאטן, אלס טאכטער פון א יונגן רב וועלכער האט אויסגעוואנדערט פון אונגארן. אכט טעכטער זענען געווען אין דער משפחה, הענריעטא איז געווען די עלטסטע. זי איז פארטיפט אין אירע לימודים און העלפט איר פאטער, דעם רב, און איר מוטער אין דער הויז־ארבעט. נאך אלס יונג מיידל, איז זי די סעקרעטארין פון איר פאטער אין אלץ וואס איז נוגע די קהילה־ענינים. אין עלטער פון 20 יאר באגעגענט זי זיך צום ערשטן מאל מיט די יסורים פון יידישן פאלק. עס זענען די טעג פון פאגראמען אויף רוסישע יידן. אין עלטער פון 21 יאר באגלייט זי איר פאטער אויף אן אייראפע־רייזע. זי באזוכט די יידישע געטאס אין אונגארן און אויך די פראגער קהילה. פון איצט אן ווענדעט זי איר גאנצע אויפמערקזאמקייט דעם יידישן לעבן און דער יידישער ליטעראטור. אלס הויפט־סעקרעטארין פון דער גרויסער יידישער ביכער־אויסגאבע אין די פאראייניקטע שטאטן, רעדאגירט זי די ביכער אין משך פון 30 יאר, מיט געדולד און פינקטלעכקייט. זי איז ארבעטזאם און איבערגעגעבן צו איר ארבעט. זי איז באשיידן אין איר אויפפירונג, געשאצט און געליבט דורך יעדן איינעם וואס קומט אין קאנטאקט מיט איר.

1909 באזוכט זי צוזאמען מיט איר מוטער אין ארץ־ישראל. אין לאנד קומען דעמאלט פאר בראשית־שוועריקייטן, קראנקהייטן צווישן דער באפעלקערונג, מאלאריע, לייז. צוריקגעקומען אהיים, ארגאניזירט הענריעטא צווישן אירע חבר׳טעס קרייזן וואס זאלן העלפן די קראנקע. זיי גרינדן די פרויען־ארגאניזאציע "הדסה". א מעדיצינישע דעלעגאציע ווערט געשיקט אין לאנד. זי באשטייט פון צוויי שוועסטער און איין דאקטאר. און נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה האלטן זיי אויס עטלעכע מעדיצינישע אנשטאלטן.

אין משך פון א האלבן יובל איז הענריעטא אומאויפהערלעך טעטיק אויפן געביט פון מעדיצינישער הילף פארן ישוב, פון פרימארגן ביז אין די שפעטע נאכט־טעה׳ן. זי איז דעמאלט 60 יאר אלט!

אין עלטער פון 72 יאר האט הענריעטא בדעה זיך אומצוקערן צו אירע קרובים און דארט פארברענגען אירע לעצטע יאר. דעמאלט הייבט זיך אן די שרעקלעכע פרשה — היטלר קומט צו דער מאכט. זי ווערט דערשיטערט. "די מוטער" פילט פארויס דאס קומענדיקע אומגליק. זי באמיט זיך צו ראטעווען וואס עס

לאזט זיך. זי פארט ארויס קיין לאנדאן און פון דארט קיין בערלין און נעמט איבער די לייטונג פון דער יוגנט־עליה — די פרוכט פון דער געבענטשטער איניציאַטיוו פון רחה פרייער.

דעמאלט הויבט זיך אן איר גרויסער לעבנס־געזאנג. זי מאביליזירט דעם ישוב און דאס גלות־יידנטום פארן רעטונג־ווערק. זי קעמפט קעגן די בריטישע מאכט־ארגאנען פארן רעכט פון יידישן קינד עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. זי איז משפיע אויף דער ארבעטנדער קאלאניזאציע אויפצונעמען אירע קינדער. זי קענט ניט קיין רו. אזוי ווי א גרויסער פויגל וואס שפרייט אויס זיינע פליגלען כדי צו שיצן, האדעווען, ווארעמען און איינווארצלען זיינע קינדער. זי ארבעט אומאויפהערלעך. איר אויער הערט זיך איין צו אלע צופאסונג־שוועריקייטן פון די קינדער און איר הארץ איז אפן פאר אלע ליידן.

אויך דער אנהויב פונעם דאזיקן ווערק איז ארעם: זי איז מצליח צו ראטעווען נאר א פאר הונדערט יוגנטלעכע פון שונא׳ס נעגל. זי באזוכט אלע זייערע אויפנאם־פלעצער, רעדט מיט יעדן יוגנטלעכן און קינד. איר לאזונג און איר טשרעבונג איז: די באפרייטע זאלן זיין באפרייער. אין א שמועס מיט איינעם פון אירע תלמידים זאגט זי: ״אונזער רעטונג־ווערק וועט ניט האבן קיין טעם, אויב עס וועט נישט פלאסטערן די וועגן פון חלוציות. מיר זענען א באוועגונג, און ניט נאר א ווערק״. און די באוועגונג, די באוועגונג פון דער יוגנט־עליה ווערט אלץ גרעסער. פון הונדערטער ווערן טויזנטער. נישט נאר יוגנט פון דייטש־לאנד קומט און ווארצלט זיך איין. די ערשטע יוגנטלעכע פון מזרח־אייראפע קומען אן. עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה. הענריעטא סאלד איז אומאויפהערלעך טעטיק כדי צו ראטעווען די יונגע צווייגן פונעם פאלק. זי פארט ארום אין די הויפט־שטעט פון דער וועלט און קלאפט אן אין די טירן פון די שליטים. טראץ איר עלטער, פארט זי ארום אין גאנצן לאנד, באגעגענט זיך מיט כמעט אלע אירע תלמידים. כלפי חוץ, פון די וועלט־הערשער, בעט זי: גערעכטיקייט פאר אן אור־אלטן פאלק: און כלפי אינעווייניק בעט זי: רחמנות, פארשטענדעניש, טאלעראנץ און קעגנזייטיקע הילף צווישן גאנצן פאלק.

אין עלטער פון 70 יאר טראנסמיסירט זי אין ראדיא פאר אלע ארץ־ישראל׳־דיקע קינדער: ״די מענטשלעכע נשמה באשטייט אייביק, זי לערנט אבער אויס־צופלאסטערן נייע און בעסערע וועגן צו דער נשמה פון אן אנדערן מענטש. און היות דער דאזיקער צד פון דער וועלט בלייבט אזוי ווי ער איז געווען, דעריבער איז מעגלעך א באגעגעניש צווישן דער יוגנט און דעם אלטן, און עס איז מעגלעך זיך מיט אים דורכצושמועסן דורכן קאנטאקט פון הארץ און פון קול. און עס איז אויך מעגלעך אן אפמאך צווישן יוגנט און עלטער, אן אפמאך וואס איך וואלט זייער געוואלט ער זאל צושטאנדקומען צווישן אונז — א לעבן פון ברייט־הארציקייט, וויסן און טעטיקייט און זיך פארפליכטן אלס יידן — יונגע און אל־טע, צוזאמען, צו פארברייטערן אונזערע אידעאלן און שטרעבן צו זייער פאר־ווירקלעכונג, כל זמן עס לעבט א נשמה אין אונז״.

אנגעזאַטיקט מיט טאַטן און שאַפונגען, איז הענריעטאַ סאָלד ז״ל געגאַנגען צו אירע אבות. איר לעבנס־געזאַנג ווערט פאָרגעזעצט דורך צענדליקער טויזנטער תּלמידים פון עלית־הנוער, וועלכע האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין היימלאַנד און וועלכע זענען פאַר אים געווען שוץ און הילף. אין די שווערע טעג און אין שלום־צייטן זענען זיי געווען די וואָס באַפרוכפּערן זיינע וויסטעניִשן. די באַפּרייטע זענען געוואָרן באַפרייער. דער לעבנס־געזאַנג פון הענריעטאַ סאָלד איז ניט איבערגעריסן געוואָרן.

האנס בייט

אין די קלובן פון יוגנט־גרופעס, אין די קיבוצים, אין די עס־זאלן פון אנשטאלטן, אין די ביוראס פון עלית־הנוער — אומעטום זעט מען, נעבן דעם בילד פון הענריעטא סאלד, אויך די פאטאגראפיע פון האנס בייט: א יונגער מענטש מיט א קינדעריש־פריילעכן שמייכל, נעבן דער ערנסטער אלטער פרוי.

ווער איז דער מענטש?

א מאדנע פראגע. מיט זיבן יאר צוריק האט יעדעס קינד פון דער יוגנט־עליה אים געקאנט. לאמיר זיך ווענדן צו די טויזנטער וועלכע זענען דערצויגן געווארן אין עלית הנוער אין משך פון איר עקזיסטענץ, פון די חברים פון קיבוץ אלונים און ביז צו די איבערגעבליבענע פון גוש עציון, און לאמיר פרעגן אלע: ווער איז געווען האנס בייט? זייער ענטפער וועט זיין: "ער איז געווען אונזער פריינט". ער איז געווען דער טרייער העלפער פון הענריעטא סאלד און צוזאמען האבן זיי געגרינדערט די יוגנט־עליה, "ער איז געווען אן אונזעריקער". האנס בייט איז געווען דער מענטש וועלכער האט קיינמאל ניט פארפאסט דאס אנקומען פון א שיף, אויף וועלכער עס האבן זיך געפונען קינ־דער; ער איז געווען דער ערשטער וועלכער האט אויסגעשטרעקט זיין האנט צו די יונגע עולים און האט זיי באגריסט מיש "ברוכים הבאים"! האנס בייט איז געווען א לעבעדיק זכרונות־בוך אין עלית־הנוער, ווייל ער האט געקענט טויזנטער יוגנטלעכע לויט זייערע נעמען און זייער לעבן. ער איז דערשינען אומעטום — אין אנהויב צוזאמען מיט הענריעטא סאלד, און דערנאך אליין — אויף באזוך אין א נייער יוגנט־גרופע, ביי א שמועס מיטן ארבעטס־אינסטרוק־טאר, צו הילף פאר א יוגנטלעכן וואס האט זיך גענויטיקט אין הילף. אזוי ארום האט אים יעדער איינער געקענט.

דאס איז געווען מיט זעקס יאר צוריק; אבער היינט זענען פאראן א סך וועלכע וויסן ניט צו ענטפערן; פונקט אזוי ווי א סך וויסן אויך ניט ווער עס איז געווען הענריעטא סאלד.

אלס מיטארבעטער פון הענריעטא סאלד, האט האנס בייט געשטעלט זיין גאנצן כוח אין רשות פונעם ווערק. מען האט אים געקענט טרעפן אין הויפט־ביורא און אויף די וועגן, אין די לאגערן און אין די אויפנעם־ערטער, נעבן די תלמידים פון עלית־הנוער און די וואס האבן זי שוין פארלאזן, מיט אינסטרוקטארן און געזעלשאפטלעכע טוער — אומעטום ווו ער האט געקאנט טעטיק זיין לטובת

דעם יונגן עולה, ביי אלעמען וואס האט א שייכות מיט זיין אויפנאמע און זיין דערציונג. אפילו פאר א סכנה איז ער ניט צוריקגעטראטן. און פלוצים איז אנגעקומען די ידיעה ביי וועלכער די גאנצע יוגנט־עליה האט זיך איינגעהילט אין א שווערן טרויער:

פרייטיק, י״ג טבת תש״ח (26.12.1947) איז האנס בייט געפאלן. ער איז דער־שאסן געווארן אויפן וועג קיין ירושלים בשעת ער איז אהיימגעפארן אויף שבת. ער איז צוריקגעקומען פון חיפה און פון עתלית, ווו ער האט אויפגענומען יוגנט־לעכע, וואס זענען אנגעקומען פון קפריסין. אין משך פון דריי וואכן האט ער זיך פארנומען מיט קינדער וואס זענען עולה געווען נאך דער ליקווידירונג פון יוגנט דארף אין קפריסין.

עס איז געווען אין די טעג פון די ערשטע קאמפן. פיינטלעכע באנדעס האבן באפאלן דעם וועג קיין ירושלים. פון תל־אביב איז ער ארויסגעפארן מיט אן אויטאס־קאראוואנע. צוויי מאל איז די קאראוואנע אנגעגריפן געווא־ן און בעת זי איז אנגעקומען אין דער סביבה פון קסטל־בארג, האט זי באפאלן א שוידער־לעכער רעגן פון שיסערייען. האנס בייט איז פארוואונדעט געווארן און אויפן ארט האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. ער איז געפאלן אינמיטן פון זיין טעטיקייט.

איינשטיינ׳ס ווארט וועגן עלית הנוער

״די יוגנט־עליה איז באזירט אויף אידעען פון מענטשלעכער ברודערשאפט. עלית הנוער באווייזט אין א וועלט פון ספקות און ליידן, אז די דאזיקע אידע קאן רעאליזירט ווערן. עלית הנוער האט צוריקגעגעבן די קינדער וועלכע געפינען זיך אונטער איר אויפזיכט, ניט נאר פיזישע געזונטהייט און פסיכישע פעסטקייט, נאר אויך דעם גלויבן אין מענטשלעכער ליבע און כבוד. זי האט זוכה געווען צו באקומען שטיצע פון רעגירונגען און פעלקער אין דער גאנצער וועלט, און איז געווארן א גליד, כאטש א קליינס, אין דער קייט פון די געשעעניש, וועלכע וועלן לבסוף דערפירן צום ענדגילטיקן נצחון פון שלום און פרייהייט פאר מענטשן און פעלקער.

דאס וואונדערבארע רעטונגס־ווערק פון עלית הנוער האט מער ווי א נאציאנאלע באדייטונג. די מענטשן וועלכע זענען פאראנטווארטלעך פאר דער שווערער ארבעט, זייער באציונג צו די געראטעוועטע קינדער, באזירט זיך אויפן באוווסטזיין, אז זיי קערן זיך אום צו דער פארגאנגנהייט פון זייערע אבות.

אזא וועזנטלעכע אויפפאסונג איז נויטיק אלס פונדאמענט פאר דער לייזונג פון אינטערנאציאנאלע פראבלעמען וואס שטייען פאר דער היינטיקער מענטשהייט. די באדייטונג פון דעם באוווסטזיין ביים ברייטן עולם איז: דערמוטיקן די אלע, וועלכע זענען איבערצייגט, אז זיכערהייט און שלום דארף מען ניט דערגרייכן מיט געווער, נאר מיט קעגנזייטיקער הילף. נאר די דאזיקע אויפפאסונג דערמעגלעכט צו שאפן, אויף א פסיכאלאגישן אופן, ארדנונג אויף אן איבערנאציאנאלער באזיס״.

דאטעס און וועגווייזער

די נאציס אין דער דייטשער רעגירונג

1934 19 פעברואר : די ערשטע יוגנט־גרופע פון דייטשלאנד קומט אן קיין חיפה און איר ציל איז עין־חרוד... די ערשטע גרופע רעליגיעזע יוגנט קומט אין קיבוץ רודגס... 100 יוגנטלעכע פון עלית הנוער אין בן־שמן... די ערשטע תלמידים פון "אהבה" זענען עולה קיין ארץ־ישראל... דער ערשטער צוזאמענטרעף פון אינסטרוקטארן.

נירנבערגער געזעצן

1935 אינסטרוקטארן־צוזאמענטרעף פון 12 יוגנט־חברות... עס ווערט געגרינדעט דער קאמיטעט פון דער אינסטרוקטארן־ארגאניזאציע... הענריעטא סאלד גיט אפ איר ערשטן באריכט איבער עלית הנוער פארן 19־טן ציוניסטישן קאנגרעס אין לוצערן... 713 יוגנטלעכע אין דער הכשרה — 11 אויפנעם קיבוצים — 4 אנשטאלטן — 2 גרופעס פאר פאכלעכער אויסבילדונג אין שטאט... די ערשטע וועלט־קאנפערענץ אין אמסטערדאם בנוגע ענינים פון עלית הנוער... די יערלעכע קאנפערענץ פון "הדסה" אין אמעריקע שליסט איין די יוגנט־עליה אין דער ראם פון איר טעטיקייט.

בלוטיקע אומרוען אין ארץ־ישראל

1936 צום ערשטן מאל נעמט אן ארבעטער־מושב אויף יוגנט : אין נהלל... די ערשטע חברות פארענדיקן זייער הכשרה... ספעציעלע באמיונגען צו באקומען וויזעס פאר עלית הנוער...

1937 אינסטרוקטארן־סעמינאר... פארעפנטלעכונג פון לימודים־פראגראם אין געאגראפיע, העברעישע שפראך, נאטור־וויסנשאפטן און לאנדווירטשאפט ווי אויך אין חנוך־פראבלעמען... אינסטרוקטארן־צוזאמענטרעפן... באריכט פארן 20־טן ציוניסטישן קאנגרעס אין ציריך : 1068 יוגנטלעכע אויף הכשרה — 23 אויפנעם־קיבוצים — 4 אנשטאלטן — 582 אבסאלווענטן... די צווייטע וועלט־קאנפערענץ פון עלית הנוער.

אנשלוס פון עסטרייך, אנהויב פון טשעכיעס אנשלוס, פאגראמען אויף דייטשע יידן

1938 גרינדונג פון רעליגיעזן יוגנט־דארף... יוגנט־עליה פון עסטרייך... עס דערשיינט די ערשטע בראשור "עלים" (בלעטער) אין סטענסיל... די אבסאלווענטן פון דער ערשטער יוגנט־חברה באזעצן זיך אין אלונים... יוגנט־עליה פון טשעכאסלאוואקיע... אנהויב יוגנט־עליה פון רומעניע... אינסטרוקטארן־צוזאמענטרעפן... לימודים־פראגראמען.

וייסבוך, מלחמה־אויסברוך, אקופאציע פון פוילן

1939 יוגנט־עליה פון איטאליע... באריכט פארן 21־טן ציוניסטישן קאנגרעס אין זשענעווע : 4119 יוגנטלעכע אויף הכשרה — 47 אויפנעם־קיבוצים — 21 אנשטאלטן — 1516 אבסאלווענטן פון הכשרה... די אבסאלווענטן פון דער ערשטער רעליגיעזער יוגנט־

חברה באזעצן זיך אין שדה־אליהו. באמיונגען צו ראטעווען קינדער און יוגנטלעכע דורך די דורכגאנגס־לענדער: האלאנד, דענעמארק, שוועדן, ענגלאנד... "עלים" דערשיינט צום ערשטן מאל אין דרוק... אינסטרוקטארן־סעמינאר... אויפנאמע פון מיידלעך אין די ארבעטער־ווירטשאפטן און אין די אנשטאלטן פון ראט פון ארבעטנדיקע פרויען בשותפות מיט וויצ"א... גרופעס אין עיינות, נחלת־יהודה און אין דער לימודים־פארם אין פתח־תקוה...

פראנקרייכס מפלה, איטליע טראט אריין אין דער מלחמה

1940 יוגנט־עליה פון די באלקאן־לענדער: בולגאריע, אונגארן, רומעניע, יוגאסלאוויע. יוגנט שלאגט זיך צו צו די ברעגעס פון היימלאנד — אויף טריקעניש, אין דער לופט און אויפן ים: דורך רוסלאנד און טערקיי, דורך דרום־אפריקע, אינדיע און איראק... אבסאלווענטן פון עלית הנוער באזעצן זיך אין מצובה... 80־טער געבורטסטאג פון הענריעטא סאלד: צוזאמענטרעף פון פארשטייער פון די גרופעס און אבסאלווענטן אין בן־שמן... דאס בוך פון עלית הנוער... "פטריה" שווימט אונטער די וואסערן פון חיפה... אבסאלווענטן און תלמידים פון עלית הנוער ווערן מאביליזירט צום מיליטער.

ראטן־פארבאנד טראט אריין אין דער מלחמה, די נאציס דערגרייכן דעם גאנצן אייראפעישן קאנטינענט

1941 "פון שטאט אין דארף"; די ערשטע דריי גרופעס ארץ־ישראל׳דיקע יוגנטלעכע גייען אויף הכשרה אין אלונים, רמת־יוחנן און טירת־צבי... קינדער און יוגנטלעכע פון די מעפילי "דוריאן" זענען א יארלאנג ארעסטירט אין עתלית... "מעפיל"־יוגנט... עס ווערט געגרינדעט די לאנדווירטשאפטלעכע שולע אין מגדיאל און נעמט אויף עולים־יוגנט.

1942 אנהויב יוגנט־עליה פון איראק... יוגנט־עליה פון טער־קיי... עליה־אנהויב פון תימן... מאביליזירונג פון תלמידים און אבסאלווענטן צום מיליטער — 600 ווערן מאביליזירט אין משך פון דעם יאר.

ווארשעווער געטא־אויפשטאנד, איטאליע קאפיטולירט

1943 18 פעברואר: די ערשטע קינדער און יוגנט־קאראוואנע קומט אן פון פוילן דורך טעהעראן... אויפנעם־לאגערן... די צווייטע קאראוואנע... די באוועגונג פאר יוגנט־עליה ווערט פארוואנדלט אין דער באוועגונג פאר קינדער און יוגנט־עליה... אבסאלווענטן פון עלית הנוער באזעצן זיך אין נגב: בית אשל, רביבים, גבו־לות... דער קיבוץ ניצנים גייט ארויס אויף התישבות... קורס פאר פלעגערינס, סעמינאר פאר אינסטרוקטארן.

באפרייונג פון פוילן, באפרייונג פון פראנקרייך

1944 דערעפנונג פון יערלעכע סעמינארן פאר אינסטרוקטארן... 10־טער יארטאג פון עלית הנוער: 3062 קינדער און יוגנטלעכע אויף הכשרה — 50 אויפנעם־קיבוצים — 25 אנשטאלטן — 7538 האבן אבסאלווירט און פארלאזן די הכשרה... 2000 מאביליזירטע אבסאלווענטן און תלמידים.

סוף מלחמה

1945 13 פעברואר, א׳ אדר א׳ תש"ה — הענריעטא סאלד איז ניטא... די ערשטע גרופע פון די לאגער־ניצולים זענען עולה קיין ארץ־ישראל. קינדער און יוגנט־עליה פון די מזרח־לענדער... קינדער און יוגנט־עליה פון די איטאליענישע לאגערן... די ביור־ראס פון עלית הנוער באנייען זייער טעטיקייט אין אויסלאנד...

שליחים פון עלית הנוער זענען טעטיק אין אויסלאנד... קיבוץ ״להבות״ (פלאמען) גייט ארויס אויף התישבות אין מעלה הבשן.

די טויערן ווערן פארמאכט, מענטשן ווארטן נאך אין די לאגערן

1946 אין משך פונעם יאר ווערן אויפגענומען בערך 4000 קינדער און יוגנטלעכע... די קינדער און יוגנט־עליה דערגרייכט 20,000... קינדער און יוגנטלעכע מעפילים ווערן פארטריבן קיין ציפערן... שליחים און ביוראס־קאנפערענץ פון עלית הנוער אין אייראפע... וועלט־קאנפערענץ פון עלית הנוער אין באזעל... קינדער און יוגנטלעכע אין די לאגערן אין ציפערן... נאך שליחים ווערן געשיקט אין אויסלאנד.

דער באשלוס פון אונ״א וועגן דער אנטשטייונג פון מדינת ישראל, די מלחמה קעגן אראבישן ישוב, אנטשטייונג פון מדינת ישראל, באפרייונגס־מלחמה, פארשטארקונג פון קיבוץ הגלויות, ליקווידירונג פון די גלות׳ן אין בולגאריע, יוגאסלאוויע

1947 עלית הנוער פארשטארקט איר טעטיקייט אין אייראפע... גרינדונג פון קינדער־היימען אין דייטשלאנד, האלאנד, פראנקרייך, איטאליע, בעלגיע... די ״קאארדינאציע״ אין פוילן... קינדער און יוגנט־עליה פון דער שארית הפליטה אין אייראפע... יוגנט־דארף אין די לאגערן אין ציפערן... האנס בייט פאלט (26.12.47).

1948 קינדער און יוגנט־עליה פון בולגאריע, יוגאסלאוויע, טשעכיע... ליקווידירונג פון די לאגערן אין ציפערן... דורכגאנגס־לאגערן פון עלית הנוער אין רעננה, ״אונים״, כרכור, נתניה... די קאמפן פון דער באפרייונגס־מלחמה האבן זיך בארויקט: קינדער־היימען פון פראנקרייך, בעלגיע, איטאליע, האלאנד און ענגלאנד (3000 קינדער) ווערן געבראכט קיין ישראל... עס דערשיינט די חודשלעכע בראשור ״ידיעות המחלקה״ (ידיעות פון דער אפטיילונג).

געזעץ וועגן אבליגאטארישן חינוך, אנטשטייונג פון נח״ל, ישראל — מיטגליד אין אונ״א

1949 די צאל אויפגענומענע אין עלית הנוער יעדן חודש דערגרייכט טויזנט יינגלעך און מיידלעך... יוגנט־עליה פון תימן, ליביע, טערקיי... דערעפענונג פון סטאביל׳ן אויפנעם־ און קלאסיפיקאציע־לאגער אין ״רמת הדסה״ אויפן נאמען פון הענריעטא סאלד... דורכגאנג־לאגער אויפן נאמען פון האנס בייט אין אחוזה אויפן כרמל־בארג... יוגנט־עליה פון צפון־אפריקע... קינדער פון צפון־אפריקע און מצרים ווערן אויפגענומען אויף דורכגאנג־טרענירונג אין די קינדער־היימען אין פראנקרייך... די טעטיקייט פון דער ארגאניזאציע ״אייראפע־הילף״ — אויסהאלטונג פון תלמידים אין נארוועגיע... לאנד־צוזאמענטרעף פון אינסטרוקטארן לכבוד דעם 15־טן יארטאג פון עלית הנוער.

הונדערט טויזנט אין די לאגערן פון נייע עולים

1950 יוגנט־עליה פון איראק, אינדיע, פערסיע... אנהויב טעטיקייט פון לאסקער־צענטער, פסיכאלאגישע ראטגעבונג. דער טאג פון יידישן קינד — דער טאג פון עלית הנוער אין לאנד און אין אויסלאנד... אינסטרוקטארן־צוזאמענטרעף פון חברות ״ישראל־יוגנט״.

גרינדונג פון מעברות און ארבעטס־לאגערן פאר נייע עולים, ליקווידירונג פון איראקישן גלות, עליה פון רומעניע,

1951 די יוגנט־עליה באטרעפט 50 טויזנט יוגנטלעכע: 34 טויזנט אבסאלווענטן; 16 טויזנט אויף הכשרה... דערעפענונג פון שווייצישן דארף פאר ספעציעלער דערציונג אין קרית־יערים... אנהויב טעטיקייט פון צענטער פאר פאכלעכער אויסבילדונג אין כפר־ויתקין, געגרינדעט דורך ״הדסה״ און עלית הנוער... לאנד־צוזאמענטרעף פון רעליגיעזע אינסטרוקטארן... אינסטרוקטארן־

דער 23־טער ציוניסטישער קאנגרעס אין ירושלים

צוזאמענטרעף בנוגע חנוך־פראבלעמען פון קינדער און יוגנטלעכע פון די מזרח־עדות... קיבוצים בויען דערציונגס־אנשטאלטן: אויפן נאמען פון אדי קאנטאר אין מעלה החמשה, רמת־יוחנן, נגבה, ניצנים, אילת השחר... אנהויב פון יערלעכע אפרו־ווערק פאר קינדער פון די יוגנט־חברות.

1952 האט זיך אנגעהויבן די יוגנט־הכשרה פון די עולים־מושבים אין די אנשטאלטן פון עלית הנוער... אינסטרוקטארן־צוזאמענטרעף אין גרופעס פון יונגע עולים. ארגאניזירונג פון קינדער־חברות אויף פיר יאר הכשרה.

1953 דערעפנונג פון שוועדישן דארף, פאר דער פארזארגונג פון קראנקע קינדער... די ראם פונעם ווערק "פון שטאט אין דארף" ווערט פארברייטערט פאר צוגרייטונג פון ישראלדיקער יוגנט... אינסטרוקטארן־צוזאמענטרעף פון יוגנט־חברות פון צפון־אפריקאנישע עולים... דער חודשלעכע ביולעטין פון דער אפטיילונג דערשיינט אונטערן נאמען "דפים" (בלעטער).

1954 עס ווערט דערעפנט דער צענטער פון עלית הנוער פאר פארפאכלעכער צוגרייטונג אין באר־שבע... עס ווערט געפלאנצט א וועלדל אויפן נאמען פון האנס בייט אין וואלד פון עלית־הנוער אין מעלה־החמשה... ד"ר געארג לאנדאוער געשטארבן אין ניו־יארק (5.2.54)...

1955 אנהויב פארשונג צווישן די אבסאלווענטן פון עלית הנוער... גרינדונג פון באצירקס־צענטערן אין אנטוויקלונגס־געביטן, ווי למשל אין באצירק לכיש; גרינדונג פון פסיכאלאגישע דינסטן אין דער אפטיילונג; ס'איז אויפגעבויט געווארן א נייער בנין פאר דעם צענטראלן אינסטרוקטארן־סעמינאר אין ירושלים אויפן נאמען פון האנס בייט... א פארגרעסערטע עליה פון מאראקא, צוליב דעם שלעכטן פאליטישן מצב דארט... עלית הנוער ציילט דאס יאר 10,882 קינדער: 2,480 האבן פארענדיקט זייער הכשרה; 151 קיבוצים און קבוצות האבן אויפגענומען עולים־קינדער; 33 דערציונג און לאנדווירטשאפט־אנשטאלטן; 17 אנשטאלטן פאר פעדאגאגישער היילונג און פאר כראניש־קראנקע קינדער; 5 ארבעטער־מושבים האבן אויפגענומען עולים־יוגנט; 1 דורכגאנג־לאגער; 34 דערציונג־אנשטאלטן... 75,000 קינדער זענען דערצויגן געווארן אין עלית הנוער אין משך פון אירע 22 יאר עקזיסטענץ.

דער 24־טער ציוניסטישער קאנגרעס אין ירושלים

1956 אפריל — אלוועלטלעכע קאנפערענץ פון עלית־הנוער־פריינט אין ירושלים. אויפן 24־טן ציוניסטישן קאנגרעס איז אנגענומען געווארן דער באשלוס אויפצונעמען אין משך פון די נאענטסטע 4 יאר נאך 25 טויזנט קינדער... גרינדונג פון 13־טן יוגנט־צענטער פון עלית הנוער אין ישראל.